STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08817

GEZAMLTE LIDER

Zalman Isaac Sabshin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר: זלמן י: סאבשין

געזאמלטע

לידער

אַרויסגעגעבן פון אַ ליטעראַרישן קאָמיטעט
פריינד פון דעם מחבר
מיאַמי, פלאָרידע

Copyright, 1947

by Dr. Z. I. SABSHIN

A collection of poetry, published by friends of the author. Miami Beach, January, 1947.

דר. זלמן י. סלדשון

אינהאַלט

זייט

ביאָגראַפישער נאָטיץ 13

1.—הימל און ערד:

מיין פאָרוואָרט 17
הימלען, I 18
הימלען, II 19
א חלום 20
וואָלקן־בילדער 21
דורך בערג 23
זומער אין דאָרף 25
נאַכט, I 27
נאַכט, II 28
ים, I 29
ים, II 30
ים, III 31
ביימער 32
זומער 33
מאַמע־זומער 34
די לבנה 35
אַלץ איז גרין 36
עס בליט 37
אין וואַלד 38
א בלאַסע רויז 39
הארבסט 40
רעגן 41
פייגעלעך 42
סאָלאָוויי, סאָלאָוויי 43
צו א פייגעלע 44
ערשטער שניי 46
פרילינג 47
ביימער אין מיאַמי 48
הארבסט אין מיאַמי 49
מיאַמי ביטש 50
צו מיאַמי ביטש 51
ווינטער אין מיאַמי 52
קאָקאָ־נים 53
צו מיין גאָרטן 54

2.—יוגנט:

דאָרט אין שטעטל 59
צו ביעשעגקאָוויץ 60
אין חדר 61
חדר־יאָרן, I 62
חדר־יאָרן, II 63
טאַטעלע מײנער 64
פאַרענדיקט חדר 65
מאַמע 66
מאַמעלע מײנע 67
איציק 68
מײן געליבטע 70
געקומען אַהער 71
איך טראָג זיך מיט בלומען 72
צו אַ געליבטער 73
איך קלאַפ אין טיר 74
ס׳האָבן שטערן געפינקלט 75

3.—צײטן:

צײט, I 79
צײט, II 80
אין אַ סך ערטער 81
אין שאַפ 82
שאַפ 83
טײערע ברידער 85
אַ שפּאַציר הורך צײטן 86
אַ טענה צו גאָט 91
כ׳הער אַ שטימע 93
צו אײראָפּע 94
ניטאָ וואָס צו וואַרטן 96
עס קרענקט 100
צי גערעכט, צי ניט 101
מענטש און צײט 102
גײ אַוועק 104

4.—בענקעניש:

איך וויל זינגען 107
האָב איך פרילינג געהאַט? 108
אומעט 109
מײן געשרײ 110
געדאַנקען 112

פרילינג 113
געחלומט 114
איך שריי 115
קיין מאָל אינגער 116
פארטומלט 117
איך פרעג 118
מיין פארלאנג 119
זוכט ניט קיין זינד 120
איך גיי, I 121
איך גיי, II 123
ניט פארשווייגן 124
צו וואָס 125
עס יאָגן 126
איך ווייס ניט 127
מיך אַרט ניט 128
זינג איך 129
איך זוך ניט 130
די זון פארגייט 131
עס צווינגט מיך 132
מיין קבר 133
איי, וויי 134
איינזאַם 135
אין שפיגל 136
אין שטורעם 137
צום טאָג 138
צו דער נאַכט 139
צו מיין משפחה 140

5.—ישראל:

התקוה 143
אומעט און קרעכץ 144
ישראל 145
א געזאַנג צו ישראל 146
אמונה 147
מה נשתנה 148
עבדים היינו 149
פון לענדער נאָך ציון 150
ספירה 152
צו דיר, מיין ציון 153
ערב פסח 154

סדר 155
פסח 156
די כוסות 157
א נייע הגדה 158
שבועות 159
מאסקירטע פּאגראָמען 160
א תפילה 161
לאל עורך דין 162
צווישן פעלקער 163
קאָלאָמבוס, אָהאָיאָ 164
די צדקה־פּושקע 165
א הארץ פריינד 166
ראש־השנה 167
דערוואַך, ישראל 168
פורים 169
ניט ווארט 170
הונדערט טויזנט 171
פארוואס איך קלאָג 172
וועסט טריאומפירן 173
די הגנה 174
צו ענגלאַנד 175

6.—מלחמה :

מלחמה 179
פרידן 180
קום שוין, דו טאָג 181
איילן זיך מענטשן 182
הער אויף צו טייטן 183
חיות 184
ניט זינג 185
צום שפעטער 186
דאָס דריידל 187
צו רוסלאַנד 188
צו סטאַלינגראַד 189
צו טשערניכאָווסקים טויט 190
די סאָוועטן לעבן בערלין 191
צו רוזוועלטס טויט 192
א פאָטערס בריוו 193
צו מוסאָלינין 195
היטלערס סוף 196

צו סאַן פראַנציסקאָ 197
צום הימל 198
7.—פון פאָלק:
לידער 201
כייקע 202
אליעזר 203
הער, מיין קינד 204
טאָכטערקע מיינע 205
הער נאָר, פאָטער 206
גליב, צו דיר איך באַלאַנג 207
קום זשע אהער 208
וואָס וויינסטו? 209
צו אַ גרופּע 210
קלמן 211
8.—די פען:
מיין פען 219
צו מיין פען 220
אמעריקאַנער יידיש ווערט רייך 221

ביאָגראַפישער נאָטיץ

דר. זלמן סאָבשין, איז געבאָרן געוואָרן דעם 26-טן אַפּריל, 1892, אין דעם שטעטל ביעשענקאָוויץ, וויטעבסקער גובערניע, רוס-לאַנד. דאָס געבורט-פּלאַץ, זייענדיק אַרום דעם טייך דווינע, איז מיט דער צייט געוואָרן אַ צענטער פון אַנטוויקלונג צווישן עטלעכע אַרומיקע שטעטלעך, ווי טשאַשניק, ליעפּליע, סענע און אַזוי ווייטער. ביעשענ-קאָוויץ, אַ חוץ די לעבעוויטשער שול, ליבאַוויטשער און זעקס נאָך אַנ-דערע, האָט אויך געהאַט היבשע אָרגאַניזאַציעס פון "בונד", סאָציאַ-ליסטן-רעוואָלוציאָנערן, ציוניסטן. אין שטעטל זיינען פאָרגעקומען סטרייקס, ערשטע מיי-פייערונגען. עס איז אויך געווען אַ גוט צוגע-גרייטע זעלבסט-שוץ געגן דערוואַרטעטע פּאָגראָמען. דאָס שטעטל האָט אַפּט געשיקט "אַבאָראָנעס" צו די אַרומיקע שטעטלעך וואו עס זיינען פאָרגעקומען פּאָגראָמען.

דר. סאָבשינס פאָטער איז יונג געשטאָרבן. זיין מוטער איז פאַרבליבן מיט פיר קינדער, און דעם פאָטערס פּלענער צו האַלטן זלמנען אין אַ ישיבה זיינען צערונען געוואָרן. אַ פריינד פון דעם פאַר-שטאָרבענעם פאָטער, כאַטשע מייזל, האָט זלמנען אריינגענומען צו זיך אין געשעפט, פאַר אַ "פּריקאַזשציק", מיט אַ געהאַלט פון גאַנצע זעכציק רובל פאַר די ערשטע דריי יאָר. די שטעלע איז אים זייער צונוץ געקומען.

די קינדער פון כאַטשע מייזל, זיינען געווען הויך אינטעליגענטע און פאַרקאַכטע סאָציאַליסטן-רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבען זלמנען פאַר-בינדן מיט דער אַרבעטער-באַוועגונג און אַלץ אַ צוגאָב האָבן זיי אים געגעבן פרייע אוראָקן. זלמן האָט טאַקע געשטודירט ביי נאַכט, און אין עטלעכע יאָר איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער סטודענט. אין 1910 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויף אַ רעוואָלוציענערע פאַרזאַמלונג אין וויטעבסק. ער האָט זיך געריכט מיט נאָך עטלעכע צו זיין פאַרשיקט אין סיביר, אָבער עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אַנטלויפן קיין אַמעריקע.

דר. סאָבשין האָט אָנגעפאַנגן צו האָבן ליטעראַרישע נייגונגען ווען ער איז געווען גאָר יונג, ער האָט ליב געהאַט צו באַשרייבן ביל-דער פון אַרום. אין 1909 האָט ער אין רוסיש אָנגעשריבן אַ פיער אַק-טיקע דראַמע פון דעם לעבן פון די אידישע "עקסטערניקעס", (אונגע-פער דאָס זעלבע ווי רידזשענט סטודענטן אין ניויאָרק אין יענע צייטן). די דראַמע האָט געדאַרפט זיין געדרוקט אין אַ אידיש-רוסישן זשורנאַל אין פעטערבורג, אָבער דער אַרעסט האָט עס צעשטערט.

גלייך נאָך זיין קומען קיין אַמעריקע, האָט קלמן געאַרבעט אין שאַפּ און פאַרגעזעצט זיין שטודירן ביינאַכט. אין 1913 איז ער אַריין אין אַ מעדיצינישן קאַלעדזש און געענדיקט אין 1917. ער האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט מעדיצין ביז 1938, ווען ער האָט עס געמוזט אויפגעבן, צוליב זיין קראַנקהייט. דורך דער צייט האָט ער אָפט געשריבן פּאָעזיע און אויך מעדיצינישע אַרטיקלען אין אַ מעדיצינישן זשורנאַל. אין ניו יאָרק האָט ער אויך באַלאַנגט—חוץ צו מעדיצינישע אָרגאַניזאַציעס—צו אַ קרייז "גרופּע צו שטודירן קונסט". און אין די לעצטע יאָרן האָט ער געדרוקט זיינע לידער אין אַ ניו יאָרקער צייטונג. זיין פיזישער צו־שטאַנד האָט אים געצוואונגען צו בייטן דעם קלימאַט, און די לעצטע עטלעכע יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין מיאַמי ביטש, פלאָרידע.

דר. סאַבשין, איז אַ ליבעראַלער מענטש און אַ טיף פילנדיקער איד. אַ סך יאָרן איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער ציוניסטישער באַ־וועגונג אין ניו יאָרק. אין מיאַמי ביטש איז ער געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָבן אָנגעפאַנגען אָרגאַניזירן דעם איצטיקן גרויסן ציו־ניסטישן דיסטריקט אין מיאַמי ביטש. ער טראָגט זיך אַרום מיט דער האָפענונג צו זען אַ אידישע היים אין ארץ ישראל. ניט אומזיסט האָט ער ניט לאַנג צוריק באַקומען דעם כבוד צו האָבן זיין נאָמען פאַרשריבן אין דעם גאָלדענעם בוך פון דעם קרן קימת.

אין 1946 האָט אַ גרופּע פריינד פון דר. זלמן סאַבשין פון מיאַמי ביטש, געגרינדעט אַ ליטעראַרישן קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָקטאָר סאַבשינס לידער.

דניאל מ. בראָד, פאָרזיצער פון קאָמיטעט

1

הימעל און ערד

מיין פאַרוואָרט

איך זוך ניט קיין בלומען —
כ׳צווייפל ווי זיי צו פאַרדינען,
איך בין אין זאָרג שוין געשוואומען—
פרי אין מיין לעבענס באַגינען.

איך זוך ניט קיין בלומען —
ניט זאָרג, פריינד, טו מיר אַ טובה.
עס וועט מיין ליד פאַרשטומען —
און פאַרטונקלען מיין מצבה.

כ׳וויל זינגען פון דער וועלט —
די טייל וואָס האָט מיך אַזוי גענאָגט.
וויינען ווי מיין האַרץ געפעלט —
פון אַלץ וואָס האָט מיך אַזוי געפלאָגט.

איך טראַכט פון דעם פעלד וואָס שפילט—
ניט וויכטיג צו עס איז גרוים צו קליין.
איך זוך וואו מענטש רואיק פילט—
כ׳וויל באַזינגען זיין גליק און לוין.

איך וויל זינגען, ווי דער בוים זיך וויגט—
און פון שמערצן איז באַזאָרגט.
פון דער בלום וואָס אַלעמען דערקוויקט
און פון דעם מענטש וואָס ליידט און באָרגט.

הימלען

1

איר הימלען פון דעם טאָג —
זייט דאָך אַלץ וואָס איך פאַרמאָג.
הימלען בלויע,
הימלען גרויע, —
פאַרבלייבט אַזוי באַשיידן,—
פריי קען מיין הארץ צו אייך רעדען.

איר, הימלען פון דער נאַכט—
דופט מיך זינגען ווען פאַרטראַכט.
הימלען ריינע,
הימלען שיינע,
איר זאָלט מיר אַלע שטערן צייגן
און פאַרשפאָרן מיר מיין דאגהן.

הימלען פון אַלע צייטן —
אייער קאָלירן זאָלט איר בייטן.
הימלען אָן ברעגן,
הימלען פול מיט רעגן,
ווילט איר נאָר מיין נשמה שטיצן—
פאַרגעסט די דונער־בליצן.

2

די בלוי־געדיכטע הימלען
באַגריסן מאָרגן־שטונדן.
ביימער אין גראָזן בליען,
די זון איז אָנגעצונדן.

קלאָרער ווערן די הימלען,
ס'פליט אַ פויגל דאָ און דאָרט.
בוים און גראָז און שטילקייט גרינען—
לאַנגזאַם בייט די זון איר אָרט.

ווייסער פלעק פוצט די הימלען—
פייגל מערער קומען צו,
שפּילן זיך מיט בוים און גראָז,
זיי אָרט ניט אַבי וואו.

און טונקל ווערן הימלען—
פייגל גרייטן צו די נאַכט.
בוים און גראָז—אַלע דרימלען—
די זון באַהאַלט איר פּראַכט.

אַ חלום

טונקל גרוי איז דער הימל,
איך ווער פון דעם פאַרטראַכט
און צו אַ זיסן דרימל
האָט עס מיך געבראַכט.

איך וואַנדער אום אין חלום
פון בלויע הימלען פיל.
און אומעטום הערשט שלום—
אַלץ ליבט זיך אין דער שטיל.

בילדער ווייסע צייגן זיך,
אַ ליד וויל איך הערן.
אַלע הימלען שווייגן זיך,
ווילן פרידן אַזוי גערן.

זיסער נעבעל קומט צו גיין—
מיט זייד נעמט ער מאָלן.
פון די בילדער מלא חן
האָב איך לאַנג, שוין לאַנג געקוואָלן.

איצט האַלט מיך אין פאַרדריסן
וואָס רו איז אַ חלום,
די וועלט קען ניט געניסן
קיין מענטשלעכן שלום.

וואָלקן-בילדער

ווייסער וואָלקן, שיין, אַ פּראַכט,
שווימט אין הימל ווי פאַרטראַכט.
גיט זיך גיכער דאָ אַ שווים,
דער הימעל מאַכט אַ וועג פאַר אים.

אויף אַ ווײַלע שטעלט זיך אָפּ—
צווייטער וואָלקן האַלט אים אָפּ.
ווערט פון ביידע איינער שוין—
און ער נעמט זיך ערגעץ גיין.

שווימט זיך ווייטער אין אַ זייט—
ווערט פאַרשוואונדן אָן אַ צייט.
נייע, פרישע, אָט אַרום—
אי די גלייכע און די וואָס קרום.

* *
*

און דאָרטן ווייט אין בלויקייט אויך,
ווי גרופּעס מענטשן, קורץ און הויך,
יעדער נאַקעט, אָפּגעריסן —
גראָבע פינגער שרעקלעך שיסן.

עפּעס חורבן אויף דעם פּנים,
ס'קריצן ציינער אָט ווי שונאים.
און שפּעט בייטאָג, די זון צום זייט,
ווייסער וואָלקן פאַרלירט קיין צייט.

שאַפט ער וואָזעס בלומען פילע,
מענער, פרויען — אַ קהילה.
מאָלט נאָך וואָזעס דין און שאַרף,
און איינער טראָגט גאָר צו אַ האַרף.

און טונקל ווערט שוין שטילערהייט—
ווייסער וואָלקן זון מאַכט רויט.
הימלס בלויקייט אַליין זיך בייט—
עס קומט שוין אָן לבנה-צייט.

אַוונט-וואָלקנס, נייע סביבה,
נאָך טאָגס בלויקייט פּראַוון שבעה.
שנעל זיך ציען וואָלקנס דינע
און זיי מאַכן אומעט-מינעס.

ווי אַ פֿעדער איז אַט אייגער,
וואָס וועט שרייבן ווייס ניט קיינער.
וואָלקנס ווערן ווייסע פּליאַמעס,
פֿריי וועקן קינדער, מאַמעס.



דורך בערג

הילכן בערג מיט וואונדער,—
אַפּט זיי אַלע שווייגן.
גרויסקייט גאָר באַזונדער
אַלע מאָל זיי צייגן.

בערג מיט גראָז באַצויגן,
אַט צעשטעלט אין קרייזן.
דאָרט ווי איינגעבויגן
הייזלעך קוים זיך ווייזן.

הערלעך־הויך איז נאָך אַ באַרג—
מיט אַ שפּיץ ווייט־ווייט אַוועק.
דער הימל זעט זיך קאַרג—
אַלץ טרוימט אָן אַן עק.

דער גרויסער באַרג אַראָפּ,
טראָגט ביימער אַלע גלייך.
ווי זעלנער שטעלן זיי זיך אָפּ
דאָרט, לעבן אַ קליינעם טייך.

ווען אַ ווינט נעמט בלאָזן—
צעשטערט ביימערס רוען.
קעפּ אַראָפּגעלאָזן—
צום טייך תפילה טוען.

* *
*

און דאָרט אויף יענער זייט—
אויף אַ באַרג גרין און ברייט,
ווי גאָר אַ גרויסער לייט,
אַן איינציק ביימל שטייט.

ברייטע לאַנקעס, בערג צווישן,
איז אַט אין גראָז פאַרטיפט.
פון דעם פאַסטוך אָפּגעריסן,
אַ קו מיט קעלבל שטיפט.

אַ דאָרפמאַן ווייט אין מיטן
זיין ליולקע האַלט פאַרטראַכט.
מיט אַ ליד גראָז געשניטן,
דעם גאַנצן טאָג ער שמאַכט.

דערנאָך שטערן פרומע
ערגעץ ווייט זיך ציען.
בערגלעך גלייכע, קרומע,—
קיינער טוט זיי ניט באַמיען.

און יעדער רואיק שלאָפט—
עס שפּרייט זיך אויס אַ טרייסט.
נאָר דער מענטש איז באַשטראָפט
קוים זיין וויי דערלייזט.

זומער אין דאָרף

קומט די זון פון דער ווייט
און באַלייכט יעדער זייט.
הימל־גרין, הימל־בלוי —
וואָלקנס־ווייס, דאָרט און דאָ.

וואָלקנס־גאָלד וואו ניט וואו,
קוים די זון דעקט ער צו.
אָט ער גייט, אַלץ איז קלאָר,
דאכט זיך זאָרג — ניט אַ האָר.

און אַ סך ביימער הויך,
גרוים און קליין פריילעך אויך.
גלייך און קרום, דין און גראָב,
קעפּ גאָר הויך, קעפּ אַראָפּ.

אָט אַ שפּין אַ היים זיך מאַכט,
כאַפּט אַ פליג, ניט געטראַכט.
נאָך אַ נעץ לעבן גראָז—
האַלב צעפּליקט מיט אַ בלאָז.

פייגל, פייגל אַלערליי,
פליען אום איינס און צוויי.
איינע בראָנז, צווייטע שוואַרץ—
יענע זינגט, צופּט די האַרץ.

נאָך אַדריי מיט דעם עק,
גיט אַ שפּרונג, לויפט אַוועק.
קומט צוריק, קערט זיך אום—
נאָך אַ זינג דאָרט אַרום.

רואיק בלייבט. זעט זיך פיין,
בלאָזט זיך אָן, שלאָפט זיך איין.
נייע קומט, פעקער־רויט,
זינגט אַ ליד שטילערהייט.

וואו ניט וואו הייזלעך דאָרט,
זעלטן הערט ווער אַ וואָרט.
און אַמאָל אַ הינטל בילט
און אַ קינד מיט אים זיך שפּילט.

טייכל קליין שטיל זיך פליסט,
ס'הערט זיך קוים ווי וואַסער גיסט.
ערגעץ שווימט טאָג און נאַכט,—
זון פאַרגייט, אויך מיט פּראַכט.

דערפל פילט איצט די נאַכט,—
איין קינד וויינט, איין קינד לאַכט.
לעבן בוים אַ פאָרל זיצט,
קלאַפּט אַ האַרץ, קלאַפּט און זיפצט.

קומט די זון, ליכטיק ווערט,
ערגעץ ווייט אַ צוג זיך הערט.
און אַ מאַן זיך באַווייזט
פון אַ צווייג, עפּעס רייסט.

בייגט זיך איין, עפּעס שניידט—
און די הענט אָפּט ער בייט.
גייט אוועק ערגעץ וואו,
און ער זינגט אַ ליד זיך צו.

נאַכט

1

קום באַלד צו גיין, דו נאַכט,
כ׳וויל מער דיך פאַרשטיין.
סודות דערצייל—
ווען זון וועט פאַרגיין.

וואו נאָר דו ווייזט זיך,
מיין אומעט פאַרגייט.
הימל אַ פרייער
האָט זיך צעשפּרייט.

באַזעץ אין דער הויך
די ליכטלעך מיליאָנען.
עס מאַכט די לבנה
מיך גליקליך געזאָנען.

איך וויל מיט דיר שוועבן,
דו, טונקעלע נאַכט.
לאָמיר צוזאַמען
זיין ביידע פאַרטראַכט.

אָט פאַלט אַ שטערן—
דו ווייסט דאָך זיין ציל.
כ׳וואַרט אויף זיין אורטייל—
ביי זיך אין דער שטיל.

נאַכט, ליבע נאַכט,
צו זיך נעם מיך אַוועק.
דיין רו און ליבע
האָט ניט קיין עק.

אָך שטיקנדע נאַכט,
פויגלם זינגען ניט רויב,
גוט זיך צעוויינען
מיר אַליין נאָר דערלויב.

אָך, פינסטערע נאַכט,
ניט גים דיינע טרערן,
עס וועלן די אויגן
אַליין ניט אויפהערן.

נאַכט

2

דו נאַכט, צייגסט זיך היינט אַ פרייע—
דיין אויסזען איז באַשיידן,
זיי מיר אַ פריינדין אַ טרייע—
מאַך אַ יום טוב פאַר אונדז ביידן.

האַלט בלוי דעם הימל אין גאַנצן,
לאָז אים מיט שטערן זיך שפּילן.
באַרואיק פייגל און פלאַנצן,
איך וועל אַ נחת דערפילן.

לאָז ניט מיין האַרץ ווערן פאַרקלעמט,
ווען איך נעם דיין ווייטקייט באַקוקן.
דיין צויבער צום הימל, מיך נעמט—
איך וויל צו דיין שיינקייט זיך בוקן.

מיך אַרט ניט אַבי וואו צו שטייגן
און אָפן האַלטן די אויגן,
איך וויל זען ביימער און צווייגן
צו דיר מיט תפילה זיך בויגן.

און אויב וועסט הערן מיין כליפּען—
דאַן בעט איך פון דיר אַ מתנה:
דו לאָז מיך מיט מיינע ליפּן
פון וויטן קושן די לבנה.

* * *

זיי לאַנגזאַם, דו נאַכט,
אַך, גיי ניט אַוועק.
דו האַלסט מיך פאַרטראַכט
פון אָנפאַנג ביז ענד.

עס לויכטן די שטערן
ווינטער און זומער.
זיי וועלן אויפהערן
מיין שטענדיקן קומער.

אַך, צי זיך, דו נאַכט,
ניט לאָז מיך אַליין,
כ'וויל בענטשן דיין פּראַכט
מיט וואָרט און געוויין.

ים

1

דו שיינער בלויער ים,
ווייט צעשפרייט איז דיין מאַכט.
דיין בלויקייט צייגט דיך איצט
ווי טיף דו ביסט פאַרטראַכט.

דו גרויסער, בלויער ים,
ווער ווייסט ווי לאַנג עס איז די צייט
אַז די כוואַליעס דיינע
שווימען אין דער ווייט?

ווי מיט טיפע סודות
האָסטו זיך אויסגעשפרייט.
אַרום זיך אַ בלויע וועלט
אין ריינקייט האָסטו אויסגעבויט.

און ווען, דו, בלויער ים,
טונקל נעמסט שוין ווערן—
באַשיינען דיך שטרעקעס
פון די הימל-שטערן.

2

דו ים מיט פיל קאָלירן—
זאָג אויב רוען קענסטו ווען.
פריי פון ווענט, פריי פון טירן,
קיינער קען דיין סוף דערזען.

שווער צו מערקן דיין שווימען—
דו וואַרפסט זיך הין און הער.
מיט כוואַליעס נעמסטו ברומען—
נייע שאַפסטו ניט שווער.

דיין טומל איז אָן אָן עק,
מיט דער זעלבער קראַפט טאָג און נאַכט,
זאָג וואָס איז דיין צוועק —
האַלסט אונדז נאָר אין ווייזן מאַכט.

רעגירסט זיך דיינע וועלטן,
מיט קיינעם ווילסטו ניט קיין פאַרבאַנד.
פריינדלעך מאַכסטו זיך זעלטן,—
וואַרפסט אַלץ צוריק אויף לאַנד.

3

אַט איצט, העלער, גרינער ים,
שפּילסטו זיך ווידער מיט קאָלירן.
ווערט דיין גרינקייט שטאַרקער נאָך--
און זיי פינקלען, שימערירן.

גיסט זיך, שפּרייסט זיך, גרינער ים,
אין אַלע זייטן ווייט אַוועק.
גלאַנצסט אין גרין אין גאַנצן—
פון אַלע זייטן אָן אַן עק.

אַ גרויסע, בלויע שטרעקע,
ווייזט זיך אויף יענער זייט.
אַ סך פון דיין שטאָלצער גרינקייט
ווערט פאַרשוואונדן אין אַ צייט.

ביימער

איך קוועל מיר פון די ביימער
מיט די שיינע, גרינע צווייגן.
כ'וויל אויף זיי, ווי אַ שומר,
קוקן אין שטילן שווייגן.

קוויקן מיך גרינע פאַרבן
פון די בלעטעלעך אַלערליי,
קוים זע איך וועלכע דאַרבן,
פיל איך ווי עס טוט מיר וויי.

זאָרג איך גלייך, באמונה,
ווען עס נעמט זיי וויגן דער ווינט.
עס איז אויף זיי אַ רחמנות
ווען אַ רעגן אויף זיי רינט.

די צווייגן נעמען שושקען,
ווי אַ שטילע תפילה.
און טראָפּענס־וואַסער בליאַסקען
אויף אַלע בלעטלעך שטילע.

זומער

גיב איך אַ טראַכט און אַ קוק—
זע איך ביימעלעך שפּילן.
דער הימל גיט מיך אַ צוק—
דעם זומער נעם איך פילן.

אַ שמייכל צו מאַכן
מיך שטראַלן דערמאָנען,
פריי נעם איך לאַכן—
די קאָלירן דערקאָנען.

עס צופּט מיך צו זינגען
מיט פייגל אין איינעם,
אין נחת כ׳נעם דרינגען—
אָן הילף פון גאָר קיינעם.

אַרום די אַלייען,
גראָזן זיך שפּרייטן.
עס נעמען מיך פרייען
בלעטער און קווייטן.

פאַרווילט זיך מיר טאַנצן,—
צערינט זיך דאָס אַלעם.
עס שמייכלען די פלאַנצן
ווי יונגינקע כלות.

* *
*

אַז איך האָב דיך שוין געטראָפן—
אייל זיך איצט ניט, דו זומער.
איך וויל אין דיר גלויבן און האָפן,
ווי צו גאָט אַ איד אַ פרומער.

דער פרילינג, דיין יונגע מאַמע,
גאָר פרי איז פאַרגאַנגען.
ניט געהערט האָט זי מסתמא
פון ליבע די געזאַנגען.

דו האָסט דאָך אָבער געירשנט,
די זונען-ליכט טרייע.
כ׳האָב פון זיי שוין געדרשנט —
געפילט טיף אַ מחיה.

מאַמע-זומער

מאַמע-זומער,
קוויקסט מיך, קוויקסט.
טרייבסט מיין קומער—
מיט פרייד באַזיגסט.

האָסט אַלץ צעגרינט,—
צעשפּילט די וועלט.
דיין ליבע רינט,
מיט זיסקייט קוועלט.

עס שיינט די זון,
מיט ליכטעלעך ברומט,
איך פיל דערפון
אַ צויבער קומט.

גראָזען ביימעלעך
און פייגל אויך,
טאַנצן דריידלעך
נידריק און הויך.

זינגען לידער,
פריילעך לאַכן.
נאָך און ווידער
חנדלעך מאַכן.

די לבנה

ס'קייקלט זיך די לבנה—
אין בלויע הימלען שיינט.
איך ווייס ניט איר כונה—
צו וואָס זי וועקט מיך היינט

גיט זיך צו דער זייט אַקער—
מיט זייד זי ווערט באַדעקט.
מיט אַ שמייכל איילט אַהער—
אַ בענקעניש אין מיר דערוועקט.

זי שפּילט זיך מיט די שטערן,
אָפּט דאַכט זיך אַז זי לאַכט.
זי האַלט אין גרעסער ווערן—
אַ זיסן שמייכל מאַכט.

שווימט זי ווידער ווייט און טיף,
איר פּנים גלאַנצט און שיינט.
גיט פאַרטראַכט אַ שטיף—
זי באַהערשט די הימלען היינט.

אַלץ איז גרין

אַלץ אַרום איז אין גאַנצן גרין—
גראָז און ביימער, גרויס און קליין.
דאָ און דאָרט און אויך די בלומען—
אויסגעמאָלן—פּאַרטיק שיין.

קליינע, גרינע ביימעלעך—
מיט זאַפטיק-גרינע צווייגן,
זיי בייגן זיך אָן ווערטער,
פאַרטיפט אין שטילן שווייגן.

קליינע, גרינע גרעזעלעך—
דער מענטש האָט אָפּגעשניטן;
אַליין קענען זיי ניט שפּילן—
דער מענטש וויל זיי "היטן".

דאָ אַ בוים, אַ שיינער,
האָט פרוכט אויף זיך צעהאַנגען,
בלייבט זי אַראָפּגעבויגן—
און פילט זיך ווי געפאַנגען.

עס בליט

אַט בליט זיך אַ צווייגעלע,
עס שמייכלט אַ בלעטעלע.
עס גלאַנצט אַ קינדס אייגעלע—
גליקלעך אין בעטעלע.

צעוואַקסט זיך דאָס ביימעלע,
גרעסער ווערן צווייגעלעך.
עלטער וואַקסט קינד׳ס שטימעלע
און באַלד צייגן זיך שוין זאָרגעלעך.

קומען פון דעם הימעלע
מיט געזאַנג די פייגעלעך.
העלפט זיי מענטשס שטימעלע
מיט טרערן אין די אייגעלעך.

ווערט פאַרעלטערט ביימעלע—
געל איז ידער בלעטעלע.
אוועק קינד פון היימעלע—
פון ווייט שרייבט אַ צעטעלע.

באַלד ניטאָ קיין בלימעלע—
אויסגעדאַרט די בלעטעלעך.
ס׳הערט זיך ניט קיין שטימעלע—
אויך ניטאָ קיין צעטעלעך.

צייגט זיך דאָס פרישע ביימעלע—
און נייע גרינע בלעטעלעך,
ניטאָ ווער אין היימעלע—
פוסט זיינען די בעטעלעך.

אין וואַלד

שמייכעלט זיך אַ גרופּע
פון ווייסע, דינע ביימעלעך.
דאַכט זיך גרייט פאַר חופּה—
ווי יונגע, שיינע מיידעלעך.

שיינט אין וואַלד אַ העלקייט,
אויף די ביימער גרויס און קליין.
דאָ און דאָרט אַ געלקייט—
קומט פון הימל מיט חן.

זע איך אין אַ ווילע
פייגל קומען אָן אַ צאָל,
פרעג איך ניט קיין שאלה—
כ׳וויל דאָך הערן זייער קול.

קומט באַלד אָן אַ רעגן—
עס פאַרדעקט זיך די לבנה.
כ׳וויל די ביימער פרעגן:
איז פאַראַן דאָ אַ סכנה?

אָ בלאָסע רויז

דו שיינע פורפור־רויז,
איך באַוואונדער דיין קאָליר.
און דו, אָך בלאָסע רויז,
איך קוק און קוק אויף דיר.

איך פיל פון ביידען אייער דופט,
איך זעה אייך מיט רו באַצויגן.
דו בלאָסע, אין זעלבער לופט,
צו מיר דיין קאָפּ האָסט געבויגן.

דיינע בלעטלעך בלאָס און שיין—
כ'האָב מורא דיך צו נעמען.
ווען די זון וועט באַלד פאַרגיין—
ס'וועט מיין קוש דיך ניט פאַרשעמען.

האַרבסט

צו גיסן הערט ניט אויף
אַ היבשער שטאַרקער רעגן.
שפּריצט אַראָפּ, אַרויף,
אויף אַלע וועגן.

בלייבט עס טונקל אויבן—
רעגן שטאַרקער קומט.
נעמט אַ ווינט זיך הויבן,
רוישט ער ווייט און ברומט.

די זון האָט ערגעץ וואו
זיך פון אַ שרעק באַהאַלטן.
עס גיט גאָר ניט קיין רו—
אין הימלישע געשטאַלטן.

דונערט שטאַרק מיט בליצן
און לאַנגזאַם גיסט דער רעגן.
ניטאָ ווער זאָל שיצן
די בלומען אויף די וועגן.

גאָר ניט מער קיין בליען—
ניטאָ די שיינע פאַרבן.
וואָלקנס ציען זיך און ציען,
גראָז און בוים פאַרדאַרבן.

זאָרג איך מיר אין גאָרטן—
בלעטער פאַלן פון דעם בוים,
טאַקע דאָ און דאָרטן,
זיינען גאָר צעגעלט שוין.

זיי די גראָז פאַרדעקן—
ס׳בייט זיך אַלץ אין גאַנצן.
נעמט מיין האַרץ זיך שרעקן—
האַרבסט שאַדט מיינע פלאַנצן.

מיט אַ שמייכל און אַ בייג,
דאָך שפּילט דער בוים ווידער.
קומט אַ טרער פון מיין אויג—
מיך וועקן האַרבסט לידער.

רעגן

עס גיסט אַ רעגן—
שטאַרקער, שטאַרקער ווערט.
טונקעלע וועגן
מיר לאַנג איז באַשערט.

גיסט עס מערער נאָך—
גאַר ווי איינגעשפּאַרט
טו איך גאָר נישט דאָך,
איך זיץ בלויז און וואַרט.

גיסט זיך שנעל און טיף
מיט קראַפט אַרונטער.
פאַלט דער רעגן — טריף־טריף,
כ'קען ניט זיין מונטער.

גיסט, גיסט אָן אַ שיעור,
און מיט מערער קראַפט,
רעגן זייגט פון מיר
מיין נשמה־זאַפט.

פייגעלעך

זינגט מיר, איר פייגעלעך,
איר דאַרפט זיך גאָר ניט שעמען.
לאַכט פון אַלע מענטשעלעך
וואָס רויבן אַבי וועמען.

שפּרינגט, שפּרינגט פייגעלעך,
איר זייט דאָך פריי ווי קינדער.
יעדער פון די מענטשעלעך
איז זיין ברודערס שינדער.

טאַנצט, טאַנצט פייגעלעך,
פריי ווי אייער געוויסן.
עס שלאָגן זיך די מענטשעלעך,
אַבי עטוואָס געניסן.

בונט-קאָלירטע פייגעלעך
לוסטיקע זיי שפּרינגען.
מיט צעגלאַנצטע אייגעלעך
האַרציקע זיי זינגען.

שמעקן מיט די שנעבעלעך,
זיי זיינען שטאַרק פאַרנומען.
פּיקן צווישן גרעזעלעך
פליגעלעך וואָס זשומען.

דערזען זיי נאָר בלימעלעך,
שפּרייטן זיי די פיסעלעך.
מיט באַנייטע שטימעלעך
זינגען זיי צו ביסעלעך.

סאָלאָוויי, סאָלאָוויי

סאָלאָוויי, סאָלאָוויי,
אין טיפע וואלד איך שטיי
און הער דיין זיסן זינגען, —
איך הער אַן זיך צווינגען.

סאלאוויי, סאלאוויי,
זינג, זינג, אַט אזוי.
דערקוויקסט מיט דיין טרעל.
אַט לאנגזאם און אַט שנעל,
דיין זיסקייט טרייסט מיין זעל.

סאלאוויי, סאלאוויי—
דאָס איז ניט מיין געשריי!
מיט צויבער האלסטו מיך איין,
דיין זינגען איך טרינק אריין,
אַך, ווי אַ זיסן וויין.

סאלאוויי, סאלאוויי—
האלט דיין שטים נאָך אזוי.
מיך מונטערט דיין געזאנג,
אַט פריילעך, און אַט מיט באנג,—
ניט דערלאָז דיין אונטערגאנג.



צו א פייגעלע

קום אהער פון דער הויך,
ווייס פייגעלע שיינע,
זאָג מיר וואָס עס טוט זיך
אין די הימלען ריינע.

קום אהער פון דערווייט,
זאָג, וואָס האָסטו צו דערציילן.
איז שטענדיק דאָרט דיין היים?
זאָג שוין דיינע צילן.

קום אהער פון דער ווייט,
זאָג צי האָסטו זאָרגן.
אפשר קען איך מיינע
אביסעלע דיר באָרגן.

קום אהער-צו נאָנט,
פאַרגעס ווייטע וועגן.
זינג דאָ דיינע לידער,
מיר זיך טיילן מעגן.

נאָך א ווײלע, קליין פייגעלע-
פון ווייטן לאַנד מיר דערצייל.
די וואונדן פון מיין זעלע
מיט דיין ליד מיך פאַרהייל.

זאָג מיר, דו, רויט פייגעלע,
נאָך וואָס ביסטו געקומען .
פון וואַנען ביסטו אַנגעפלויגן,
ווער האָט דיך אהער גענומען?

עס פעלן פעדערן פון דיין קערפּער,
וואו האָסטו זיי פאַרלאָרן?
דו ליידסט פון פרעמדקייט איצט—
וואָלט איך זיך שטאַרק געשוואָרן.

דו זוכסט אַ פריינד דאָ איצטער,—
דאַרפסט אים טאַקע נויטיק.
פאַרבייגסט דיין קאָפּ, ביסט אַליין—
איך לייד דעם זעלבן ווייטיק.

יע מיין פריינד, זינגסט טאַקע?
דיין נשמה־ליד איך פאַרשטיי.
לאָמיר זיך ביידע טיילן
מיט אונזער אומעט, אונזער וויי.

ערשטער שניי

אַדיע, וואַרעמע זונען־שטראַלן,
גרינע פעלדער, שטאָלצע ביימער,
נחת־זומער, נשמה־טרייסטער—
אַט קומט גרויער ווינטער־טרוימער.

אַדיע, בלוי־פאַרטראַכטע הימלען,
ליבע בלומען, וועלט באַשיינער,
פרייע פייגעל, גאָט׳ס באַזינגער,—
עס קומט באַלד ווינטער־וויינער.

אַדיע, ביימער, בלעטער־קריעהס—
איר מאַכט אַלץ אָרום ווייס,
אַט טוט זיך אָן טרויער־קליידער—
ווערט באַדעקט מיט ערשטן שניי.

פרילינג

דעם פרילינג האָב איך ליב
מיט הארץ און אין גאַנצן.
די בלומען גאָר אַן טריב
וויגן זיך ווי צום טאַנצן.

די יונגע ביימעלעך
צעוואַקסן זיך מיט פּראַכט.
ווי קליינע ביימעלעך
פון שלאָף דערוואַכט.

און קוסטעלעך גאַנץ אַלטע,—
געהאַלטן ביים שטאַרבן—
די בלעטעלעך קאַלטע
איצט גרינען די פאַרבן.

נאָך ביימער און גראָזן,
פרישן זיך אויך מיט גרין,
כ׳וויל זיי ניט פאַרלאָזן
ביז מיין יום-הדין.

* *
*

גרינע בלעטער, היבשע אָן א צאָל,
זאָרגט איר טאַקע אויך אַמאָל?
עפּעס טראַכט איר היינט אָט דאָ,
קענט איר שפּילן זיך א שעה?

אָט איר וויגט זיך זייער גוט,
פילט איר איינזאַם ווען איר רוט?
די קאָלירן נאָר איר בייט,
ווילט איר ביימער זיין ווי לייט?

קיינער ווייסט ניט אייער צאָל,—
בעסער וואַנדערט ניט קיין מאָל.
בלייבט זיך שטענדיק מיט דעם פרילינג—
לאָזט מיך זיין מיט אייך אַ צווילינג.

ביימער אין מיאַמי

ביימער, ביימער, ביימער
אויף וועגן און גאַסן.
אַזוי גאָר ווי טרוימער,
גוטהאַרציק, געלאַסן.

מיט גרינע קאָלירן
אויף אייביק באַמאָלן.
זיי אַלץ באַצירן—
פון גרינקייט צעקוואָלן.

שטענדיק זיי קוועלן
פון אייביקן זומער.
מיט דער זון זיי קנעלן—
אַ האָר ניט פון קומער.

עס שפּילן זיך צווייגן
ווען עס קומט די לבנה.
פון שטערן דאָס שווייגן—
פאַר זיי אַ מתנה.

די ביימער אויך שווייגן
ווען פייגעלעך שפּרינגען.
מער פייגל זיך צייגן—
און אַלע זיי זינגען.

זיי האָבן קיין שונאים,
חוץ אַ ווינט וואָס וועקט.
זיי זאָרגן אַפּנים
ווען די זון ווערט פאַרדעקט.

אויב אַ ווינט זיך צעליאַרמעט
און אַ ביימל צעברעכט—
די זון זיך צעוואַרעמט
און אַלץ ווידער איז רעכט.

האַרבסט אין מיאַמי

אין צפון פאַרגייט איצט דער זומער,
אַזוינס אָבער גאָר ניט פון דאַנען,
מיאַמי ביטש ווייס ניט פון קומער,
דאָ פליסן איצט לעבענס-פאָנטאַנען.

ניטאָ דאָ דער אומעט פון רעגן,—
בלומען שפּראָצן פון אַלע ווינקלען.
ניטאָ קיין פאַרטונקעלטע שטעגן—
אין הימל כישוף-פאַרבן פינקלען.

צעגרינט איז דאָ אייביק די ערד,
עס לעבן און שמייכלען די פלאַנצן.
די פייגעלעך דאָ איז באַשערט
אַ גאַנץ יאָר צו זינגען און טאַנצן.

זיס לעבן פרייט ביימער און צווייגן,
די גרינקייט אויך אין האַרבסט זיי נוצן.
זיי ברענגען אָראַנדזשן און פייגן—
פון בלעטער גאַנץ פרישע זיך פוצן.

דער ים מיט זיין שפּיל פון קאָלירן,
כסדר דאָ האַלט זיך אין שפּילן.
די פאַסן פון זון אים באַצירן—
אייביק שפּרייטן זומער-געפילן.

מיאַמי ביטש

אַ וואַרעמע ליכט איז צעפּלאַצט
אויף אייביק באַפּלאַנצטן ישוב.
פון ים די קאָלירן צעגאָסן—
און בלענדן דאָס אויג ווי אַ כשוף.

די גאַסן מיט גראָזן באַשיידן,
מיט בלומען און פּאַלמען פּילע.
עס שפּרייט זיך פאַר דיר אַ גן־עדן,
די ביימער שטיל שושקען אַ תּפילה.

ס׳איז אַלץ דאָ מיט שימער באַמאָלן,
און האַלט אין שטענדיקן בליען.
פון הימל, אין בלויען צעקוואָלן,
ווי־גאָלדענע פּאַסן זיך ציען.

די פייגעלעך לוסטיק זיך ווערטלען,
און זינגען נגונים און טאַנצן.
די בלעטער און בלומען זיי צערטלען—
אַזוי דורך דעם יאָר דעם גאַנצן.

צו מיאַמי ביטש

האָסט אָפּנים גענומען אַ נדר
אויף אייביק פאַרבלייבן נאָר גרין,
טראָגסט שטענדיק די זעלביקע קליידער
פוןביימער און גראָז יעדן מין.

עס הוידען זיך, שפּילן זיך צווייגן--
אַ גאַנץ יאָר שושקען זיי סודות.
עס מאַכט ניט דער ווינט זיי צו דאגהן—
ס׳איז אייביקע פרישקייט אַן עדות.

עס זיינען דיינע ביימער ניט שטאָלץ,
ווען אַלט, ווען יונג, ווען קליין.
און רואיקער גרינקייט זיי שטייען—
מיט אייביקן ליכטיקן חן.



ווינטער אין מיאַמי

מיאַמי דעם ווינטער באַגריסט—
לידער רופן שוין לאַנג.
פון הימל און ערד געניסט—
ווינטער איז פול מיט געזאַנג.

ווינטערס גלאַנציקע שטראַלן
יעדן שטענדיק דערקוויקן.
מיט אַ זיסקייט זיי שאַלן
און יעדנס זאָרג צעדריקן.

דער ווינטער־הימל שטענדיק איז דאָ בלוי,
דאָס לאַנד האַלט דאָ אין בליען.
קראַנקע היילן זיך אָט דאָ
און דאָס לעבן העלפט פאַרציען.

קאַקאָ-נים

קאַקאָ-נים, ביימער געטרייע—
איר רופט מיך אייך עטוואָס צו זאָגן.
איך וויל אייך זען ווי פרייע
און ניט ווי דערשלאָגן.

אייך אַרט ניט וואו צו שטיין,
אפילו ביי די ים-ברעגן.
דער זומער מעג פאַרגיין—
נאָר איר באַגרינט די וועגן.

נאָר פאַרדרוס זעט זיך אויף אייך,
איר שטייט אָפּט אַזוי געבויגן.
מיר דאַכט, — צי אָרעם, צי רייך—
איר דאַרפט פאַר קיינעם זיך ניט נויגען.

אפשר זייט איר גאָר צעוויטיקט
וואָס עס ווערן נים פון אייך געריסן.
און אין הילף זייט איר נייטיק—
איך וויל עס טאַקע וויסן.



צו מיין גאָרטן

לאָמיר, גאָרטן, זיך באַמיען—
איך מיט זאָרג און דו מיט בליען;
לאָז די צייטן פריי זיך ציען—
און מיר—געניסן זייער פליען.

הערט, גאַרדינעס, כ'וויל אייך דערציילן,
איר מיין אומעט קענט דאָך היילן.
כ'האָב אייך, רויזן, לאַנג דערוויילט
מיט מיר כאָטש בלעטלעך טיילן.

איר זייט דאָך קיין מאָל ניט אַלט,
עס לעבט אין דופט אייער געשטאַלט;
באַמערקט ניט אויב איינע פון אייערע פאַלט,
די זון מיט ליבע איז אויף נייע צעשטראַלט.

דערציילט ניט ווען איר בלאַס ווערט און צאַרט --
און ווען אין ציטער-ווי איר דערוואַכט.
לאָזט ניט מיין זעל דורך אויסזיין גענאַרט,
כאָטש איינע פון אייך זאָל ניט ווערן פאַרדאַרט.

2

יוגנט

דאָרט אין שטעטל

דאָרט אין דעם שטעטעלע
פאַרבראַכט די יונגע יאָרן,
מיט טרוימען געוואַקסן—
און שנעל אַלט געוואָרן.

דאָרט אין דעם טייכעלע
בין איך מיר געשוואומען.
געטראַכט און געחלומט,
פון אַלץ זיך צום האַרצן גענומען.

דאָרט אויף די בערגעלעך
האָב איך פון הימלען געטראַכט.
און פון די ליכטיקע שטערן
אייביקע פריינד זיך געמאַכט.

דאָרט אין די געסעלעך
פון אַלץ און גאָרנישט געדענקט.
פון הייזלעך און קרעמלעך
ערגעץ אַוועק גיין געבענקט.

צו ביעשענקאָוויץ
(מיין געבורט־שטעטעל)

אַך, דו מיין קליינינקע שטעטעלע,
איך האָב דיך אַ האָר ניט פאַרגעסן.
כ׳בענק נאָך דיין ווענדל און בלעטעלע—
דיין לעמפּל איך קען ניט אויסלעשן.

איך טראַכט אָפט פון דיר, מיין שטעטעלע—
פון דיינע געסעלעך אַלע כסדר.
דאָס הייזל, טישל און ברעטעלע—
אָט דאָרטן אין רבי לייבס חדר.

און די פינף שולן אין אַ גרופּע—
שבת, יום־טוב,—אַ מחיה!
אינגלעך און מיידלעך צו דער חופּה—
זיידעס, באָבעס—צו אַ לויה.

דיין טייך פון ערגעץ פלעגט קומען—
פאַר תשליך האָט איר מיין זיידע באַנוצט.
די פליטן און לייוועס געשוואומען—
מיט די שטרויענע ביידלעך באַפּוצט.

דיין טייך האָסטו ווינטער פאַרפרויָרן—
איוואַן איז געגאַנגען זיך גליטשן.
מיינע טעג צום חדר, פאַרשוואָרן—
שבת אויף פּרק כ׳דאַרף שוויטשן.

האָסט קינדערשע יאָרן געפרומט—
ווערן אַ רבי געווען איז אַ סברא.
כ׳האָב חומש און תורה געברומט—
די בענקלעך געקוועטשט מיט גמרא.

אַך, די יאָרן זיינען פאַרשוואונדן—
די יוגנט איז געוואָרן פאַרשטוינט.
עס קומען איצט פרישינקע וואונדן—
מיין שטעטעלע יאָמערט און וויינט.

אין חדר

געוואַלט אַמאָל זיך לאַכן,
האָט דער רבי אָפּגעשמיסן.
ניט געהאַט פיל צו מאַכן—
די הויזן לאַנג צעריסען.

פאַר לערנען מיט א ניגון
גיט רבי אַ שטיקל לעקעך.
און אַרום טיש די פליגן
נעמען זייער מקח.

פאַר נייע ספרים קריגן
דער רבי גלעט אין בעקל.
און באַהאַלט פון ציגן
אַלטע ספרים אין אַ זעקל.

בחורים האַרציקע אין חדר
אין חומש אין רשי, פאַרטיפט.
און אַזוי ווי עפּעס אַ נדר,
דורך קינדהייט גאָר ניט געשטיפט.

מאַכן בחורים דעם ניגון—
טאַקע ווי דעם רבין געפעלט.
ניטאָ קיין אַנדער פאַרגעניגן—
פאַר זיי איז דאָס די וועלט.

חדר יאָרן

1

קינדע־יאָרן, חדר־יאָרן—
זאָגט וואָס איז מיט אייך געשען?
כ׳וואָלט צוריק צו אייך געפאָרן
און מיט אייך זיך ווידער זען.

טרייע חדר־יאָרן,
כ׳קען אייך ניט פאַרגעסן.
איך וואָלט זיך איצט געשוואָרן
איר האָט מיך קיין מאָל ניט דערעסן.

ערלעכע חדר יאָרן—
צו אייך ציט מיך ווידער.
כ׳וואָלט אויף ס׳ניי געבאָרן
הערן אייערע לידער.

רואיקע חדר־יאָרן—
ניט געדאַרפט זיך קריגן.
כ׳וואָלט צו אייך געפאָרן—
הערן דעם גמרא ניגון.

שיינע חדר־יאָרן—
איך בענק צוריק אין שטעטל.
זאָגט מיר, וואָס עס איז געוואָרן,
פון יעדן תהלים בלעטל.

2

איך קען אייך ניט פאַרגעסן,
אָך, מיינע קינדערשע יאָרן.
צו שנעל געווען אייער שוועבן—
צו פרי בין איך אַלט געוואָרן.

אָך, קינדער־יאָרן געגאַרטע,
אייער שפּעטער איז אויך צערויבט.
עלטערע יאָרן גענאַרטע,
אויך איצטער מיט אַלטקייט באַטויבט.

טאטעלע מיינער

אָך, טאַטעלע מיינער—
ביסטו פרי געשטאָרבן.
דאָך אַ גליק פון מיין חדר
האָסטו עטוואָס דערוואָרבן.

אָך, טאַטעלע מיינער—
האָסט פון עברי געקוואָלן.
ביסט גליקלעך געוועזן
דעם מלמד צו צאָלן.

אָך, טאַטעלע פיינער—
האָסט צו לערע געשטרעבט.
מיך זען ביים חומש
האָט דיין האָפנונג געוועבט.

אָך, טאַטעלע מיינער—
האָסט פון תורה געקלערט.
מיך זען ביי דער גמרא
איז געווען דיר באַשערט.

אָבער, טאַטעלע פיינער—
דיין הויפט ציל ניט דערוואָרבן.
אוים ישיבה געוואָרן—
ביסט צו פרי געשטאָרבן.

אָך, טאַטעלע מיינער—
האָסט זיך אומזיסט ניט געפּלאָגט.
איך האָב דריי מאָל אַ טאָג
נאָך דיר קדש געזאָגט.

פארענדיקט חדר

גוטער חדר, כ׳דאַרף זיך שיידן,
אַ צווייפל קומט פאַר אונזביידן,
עפּעס זוכן די צייט מיר הייסט—
ניים קומט אָן טרייסט.

לערנען דאַרף מען גאָט צו דינען,
ברויט באַזאָרגן טרייבט דער זינען.
מענטשן קומען עצות געבן—
כלומרשט ווייסן ווי צו לעבן.

פּיל תכלית שנעל זיי צייגן.
און די מאַמע הערט אין שווייגן.
״ביי דעם שוסטער לערנען לאַטען—
גוט פאַר יעדן אָן אַ טאַטן״.

״אָדער לערנען קליידער נייען,—
דאַרפסט ניט זאָרגן פּלייצעס ווייען.
אָדער פאַר אין דאָרף סחורה בייטן,
נעם זיך שלעפּן אין אַלע זייטן״.

״צו גאָר אין מאַרק נעם האַנדלען,—
אַלע אידן דאַרטן וואַנדלען״.—
גיסט די מאַמע טרערן הייסע,
צרות זעט זי, וואונדן גרויסע

נעמט מיך בעטן כ׳זאָל איר הערן—
כ׳זאָל אַ שניידער קיין מאָל ווערן,
ניט צו דרייען, ניט צו לאַטען,
ניט פאַרשעמען אונדזער טאַטן.

אין ישיבה, ווינשט די מאַמע,
נעם זיך לערנען בבא קמא.
אויב ישיבה איז זייער ווייט,—
אין בית מדרש פאַרברענג די צייט.

מאַמע

קומט אַ שטורעם ווידער,
איצטער, שבת צו נאַכט.
מאַמע האַלט איר סידור—
אין תפילות איז פאַרטראַכט.

פון אַ בליץ אַ שאַרפן
די קליינע קינדער כליפּען.
מאַמעס הילף זיי דאַרפן,
זי בענטש זיי מיט די ליפּן.

שטאַרקער נעמט שוין ווערן
דער רעגן מיט די בליצן.
קנייטשט זיך מאַמעס שטערן,—
אַלץ וויל זי באַשיצן.

אַ דונער גיט אַ קראַך—
די קינדער אַ געשריי.
האָט מאַמע מוט אַ סך—
צום האַרצן דריקט זי זיי.

קוקט אין גאַס אַרוים—
דער שטורם מער ניטאָ.
איר פּנים גלייכט זיך אויס—
לבנה זעט זי דאָ.

בעט די קינדער שלאָפן—
זיי גלעטן נעמט זי נאָך.
האַלט דעם סידור אָפן—
וויינט: אַ גוטע וואָך.

מאַמעלע מיינע

אָך, מאַמע אַלמנה,
איך נעם מיך דערמאָנען.
דיין יאָרצייט באַוויינען,—
איך בין היינט געקומען.

דיינע קינדער לערנען
האָסטו פרי באַזאָרגט.
באַצאָלט פאַר אַ ביכל—
כאָטש אויף דעם געבאָרגט.

אָך, מאַמעלע מיינע—
אויף שבת קוים זיך דערוואַרט.
אין שול זיך אויסוויינען
האָסטו געגאַרט.

ווען יום-טוב פלעגט קומען—
פאַרמאַטערט געוועזן.
געבענטשט ליכט פאַר ווייבער—
האָסט זיי תחנות געלעזן.

אָך, מאַמעלע, פיינע—
האָסט אין פאַסטן געגלויבט,
דורך קאַפּיטלעך תהילים
גאָט פאַר אַלץ געלויבט.

איציק

איציק איז אַ יתום,
און דאַרף שוין גיין פֿאַרדינען.
מאַמע אַן אלמנה—
נו, ווער האָט אים אין זינען?

צום גליק קומט סאָרקע—
פֿון אַ קראָם אַ באַלאַבאָסטע.
גוט באַוואוסט אין שטעטל—
באַלאַנגט ניט צו די פּראָסטע.

איציקן באַטראַכט זי
און האָט אויף אים רחמנות.
נעמען אים אַלץ אַ העלפֿער
האָט זי באַלד כונות.

נעמט זיך איציק טאַקע
אין קראָם צו אַלע זאַכן.
זיינען מענטשן אים מקנא—
אַ מענטש וועט סאָרקע פֿון אים מאַכן.

ער קען באַלד אַלץ אין קראָם—
און אויך גוט פֿאַרקויפֿן.
ווייסט וואָג און מקח
און ווי נאָך קונים לויפֿן.

נעמט ער באַלד שוין קריגן
פּופּציק רובל פֿאַר אַ יאָר,
בראַזגעט ער דעם אייזן—
יאָרן גייען נאָך אַפּאָר.

זעט ער סאָרקעס טעכטער—
אין שטעטל גיבן זיי אוראָקן.
ווילט זיך איציק לערנען—
שפּעט ביינאַכט נעמט "בראָקן".

און ער לערנט מערער—

אים העלפן סאָרקעס טעכטער.

„קריכט אין הויכע פענסטער",—

זאָגט מען מיט געלעכטער.

אָרט אים ניט דאָס לאַכן—

ער קוועלט פון נייע ביכער.

געוואָרן באַלד איז איציק

אַליין אַ לערער זיכער.



מיין געליבטע

שטאָלץ געוואַקסן, שיין אַנטוויקעלט,
אַ קינסטלער פאַרפאַסן.
אַ זיסע שטים, אַ צויבער בליק—
רואיק, מילד און געלאַסן.

ימען ליבע אין די אויגן,
געטלעך ערנסט און פאַרטיפט.
בלומען־באַקן, קינדער־שמייכל,
אויף די רויטע ליפּן שטיפט.

שטענדיק רוט אויף איר די שכינה—
פון הייליקער ליבע אַ שפּור.
ס׳רופט צום הימל איר געטלעכע שטים
און צום האַרצן איר פיגור.

קום, געליבטע, טאַקע, קום—
עס בענקט לאַנג נאָך דיר מיין גייסט.
איך ווייס ניט ווער און וואו דו ביסט,
דאָך מיין האַרץ צו דיר זיך רייסט.

געקומען אַהער

געקומען אַהער,
מסתמא איז נייטיק.
געוואָלט האָפן מער—
היילן וועסט מיין ווייטיק.

איך ווייס ניט ווי ווייט
און פאַרוואָס ביסט אַוועק.
פאַרצווייפלט מיין צייט
מיט אומעט אָן אַן עק.

אפשר ווילסטו, וויסן
פון מיין בלאָנדזשען אַליין?
כ'נעם טרערן גיסן
מיט אַ ביטער געוויין.

און אויב דו ווילסט וואַרטן
ביז טרערן ניט רינען—
מיט אַ בליק אַ צאַרטן
דו קענסט עס געפינען.

איך טראָג זיך מיט בלומען

איך טראָג זיך נאָך מיט בלומען,
וואָס פאַר דיר האָב איך געבראַכט.
פון לידער און פּאַרפיומען,
כ'האָב לאַנג פון דיר געטראַכט.

איז האָב איך נאָך די בלומען
און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן.
ביסט דאָך ניט געקומען,—
שטעלסט מיין ליבע דאָך אין קאָן.

פאַרדריסט מיך אויף די בלומען,
איך זע וואָס פון זיי ווערט.
כ'הער פון אַ איד אַ פרומען:
"עס איז מסתם אַזוי באַשערט".

דיך אַרט ניט פאַר די בלומען
און אויך פאַר מיר אַזוי.
איך פאַרבלייב אין שטומען—
אַבי דער טוט ניט וויי.

צו אַ געליבטער

דו האָסט מיר געשוואָרן
אַז דו וועסט אויף אייביק מיך ליבן,
ס'איז גאָר ניט פון דיין וואָרט געבליבן,
דיין שבועה האָט אַ ווינט פאַרטריבן.

האָסט מיך געלאָזן אַליין,—
כ'בין ניט באַגאַנגען קיין זינד.
מיט דיר אַבי וואו צו גיין,
געפילט ווי פאָטער און קינד.

ניט צווייפל אין מיינע לידער,
עס איז אַ האָר ניט נייטיק.
ווען איך לייג מיין פּען אַנידער—
פילט מיין נשמה אַ ווייטיק.

דו קענסט זיך איצט אומקערן—
קום, צעטרייב מיינע ווייען.
אין ליבע, איך קען זיך שווערן—
לאָז נאָר מיין פּען מיך דערפרייען.

איך קלאַפּ אין טיר

איך קלאַפּ אין טיר,
מיין געמיט איז שווער.
אַ וואָרט פון איר
מיר דאַכט זיך איך הער.

איז וואַרט איך שטיל
אָבער איך הער ניט קיין זאַך.
אַ שרעק איך פיל,
אַ טראָט קוים איך מאַך.

אַ שאָטן קומט—
כ׳קען ניט אַוועק, ניין!
אַלץ בלייבט פאַרשטומט—
כ׳בענק נאָך איר חן.

מיט אַ היים געפיל
קלאַפּ איך ווידער אין טיר.
כ׳האָב מיר ניט קיין ציל
חוץ אַ בליק טאָן אויף איר.

איז בלייב איך שטיל—
און מיין האַרץ איז שווער.
גאָט דאַנק איך פיל,
וואָס ער שענקט מיר אַ טרער.

ס'האָבען די שטערן געפינקלט
(צו מיין פרוי, יוני 1921)

עס האָבן דאָן אַלע שטערן געפינקלט
און די לבנה איז אין בלויקייט געשוואומען.
פאַר חלומט זיינען די ביימער געשטאַנען,
ווען מיר זיינען צו דעם וועלדל געקומען.

ס'האָט זיך מילדקייט פון די הימלען געגאָסן
און די לופט מיט צערטלעכקייט געלאָדן.
קיין קול חוץ די לידער פון ליבע אין אונז—
ס'האָט זיך די וועלט אין רו דאָן געבאָדן.

מיר זיינען געזעסן אויף אַ בענקל לעבן גראָז,
מיט טונקעלע שאָטנס פון צווייגן באַדעקט.
ס'האָבן פאַר פרייד די הערצער געקלאַפט,
מיר האָבן ביידע אונזער ליבע אַנדעקט.

ס'האָט אונז באַצויבערט די לופט און די גראָזן,—
אַ מחנה פון שטראַלן האָט דאָרט אונז באַוואַכט.
די הענט האָבן איינע די צווייטע געזוכט,
מיר האָבן געציטערט, גערעדט און געלאַכט.

עס האָבן דאָן אַלע שטערן געפינקלט,
די לבנה איז אין בלויקייט געשוואומען.
עס האָט זיך די וועלט אין גליק דאָן געטרונקען,
ווען צו מיין הארץ איך האָב דיך דריקן גענומען.

3

צייטן

1

די צייט גייט זיך און גייט,
אויף קיין ווייל ניט שטייט,
מיט גליק און מיט ווייען,
די צייטן זיי גייען.

און יאָרן זיי ציען,
און יאָרן זיי פליען.
עס טראָגן די צייטן,
מיט רו, צי מיט שטרייטן.

געשיכטעס זיך שאַפן.
מענטש וויל יענעם פאַרשקלאַפן.
צייט קלאָגט זיך ניט זעלטן—
מאַכט שפּאַס פון די וועלטן.

* *
*

מיין צייט איז פאַרגאַנגען
אָבער ניט די טרויער באַנגען.
כ'האָב געהאָפט און געוואַרט
און פאַרבליבען גענאַרט.

2

גיי, דו צייט, גיי אַוועק ,
איך וויל דיר מער ניט קענען.
צו דער קעלט מאַך אַן עק—
כ׳וועל ליכטלעך נאָך דיר ברענען.

האָסט זיסע ווערטער
דעם מענטש געשאָנקען ווען.
ער האָט אין די ערטער
שוואַרצע בילדער געזען.

האָסט זעלטן אים געוויזן
אַ ווינקעלע מיט ליכט.
שאָטנס ווי די ריזן
אים געהאַלטן אונטער פליכט.

דו האָסט אַזוי געמאַכט
אַז כסדר זאָל ער זאָרגן.
ס׳האָט זעלטן זיך געדאַכט
אַז בעסער וועט זיין מאָרגן

* * *

האָב איך זיך באַהאַלטן,
דאַכט זיך ערגעץ ווייט.
אויך דאָרט האָסטו מיך דערהאַלטן,—
דו, שקלאַפנדיקע צייט.

כ׳ווייס ניט איצט וואו קריכן,
ניטאָ קיין עק צו דיינע תּחומען.
בלייבסט מיט דיינע שטריכן—
לאַכסט פון רעדן און פון שטומען.

איז מוז איך דיך קענען,
מיין בלאָנדזשען זיי מחדש.
קענסט די ליכטלעך ברענען,
נאָך מיר זאָג אַ קדיש.

אין אַ סך ערטער

איך האָב אין אַ סך ערטער
פון בלומען נאָר געטראַכט.
כ'האָב ליב מיט שיינע ווערטער
באַזינגען זייער פּראַכט.

איך האָב אין אַ סך ציַיטן
לידער מיר געזונגען.
טענער האָבן ליב זיך בייטן
אָפט מיט ווײי געקלאַנגען.

איך האָב אין אַ סך הימלען
דענקען זיך פאַרקליבן.
פון אַלע זיסע דרימלען
איז קוים אַ זיפץ פאַרבליבן.

איך האָב אין אַ סך טייכן
געזען ווינטער, זומער.
זיך דערקענט אַלץ רייכן
אין שמערצן און אין קומער.



אין שאַפּ

רוישן, רוישן די מאַשינען
פון פרימאָרגן ביז ביי נאַכט.
אַרום יעדער איינגעבויגן,
זיצט אַ בלאַסער, שאַפט און שמאַכט.

שאָקלען, שאָקלען זיך פאַרמאַטערט
די אַרבעטער אין קלאָג און נויט.
שאַפן אַלץ שווער און ביטער,—
אויסגעמאָגערט פון דעם טרוקן שטיקל ברויט.

בלייכן, בלייכן זיך געזיכטער
פון ליידן און פון שווערער מי.
ביי דער אַרבעט נאָר פאַרוואָגלט
און פאַשפּאַרטע ווי די פי.

זידלען זידלט זיי אַ הערשער,
שנעלער פראַצעווען מען הייסט.
בלייבן עלענד די פאַרשקלאַפטע,
ניט קיין שמייכל, ניט קיין טרייסט.

רוישן, רוישן די מאַשינען,
וויגן זיי דעם צאָרן איין.
קלאָר און דייטלעך זיי דערציילן
פון דער אַרבעטס קלאָג און פּיין.

שאַפּ

פרי אויפגעשטאַנען,
מיט דער טיר אַ קלאַפּ.
אַרבעט איז פאַראַנען —
מיכל איילט אין שאַפּ.

גאָט זאָל נאָר געבן
אַ סעזאָן אַ לאַנגן.
מאַכן אַ לעבן—
ער מוז איצט אָנפאַנגען.

געווען זייער קראַנק
לעצטע צייטן גראַדע.
קיין טאָלער אין באַנק־
ניטאָ שוין אוואַדע.

געמוזט דעם דאָקטער
כאַטש עפּעם באַצאָלן.
"זיך היטן"—זאָגט ער—
"גיי אין שפּיטאָלן".

באַלד צוויי יאָר
דער סטרייק איז אַריבער.
צעקלאַפּט דאָן געוואָרן—
געלעגן מיט פיבער.

ער אַרבעט "פון שטיק"—
פאַר זיך טאַקע בעסער.
פּרנסה — אַ גליק,
געוואָרן היבש גרעסער.

און איצט טאָג־טעגלעך
צום שאַפּ האַלט ער אין יאָגן.
פילט זיך באַלד קלעגלעך—
וויל קיינעם ניט זאָגן

„קענסט מער ניט דרייען"
בורטשעט דער פּאַרמאַן.
מיט דיינע ווייען
כ'קען דעם באַס ניט קאַרמען".

נעמט מיכל זיך בייגן
שנעל מיט פינגער און הענט.
וואָלט בעסער זיך לייגן,
ווען ער וואָלט נאָר געקענט.

ער איילט נאָך אין שאַפּ,
און טראַכט פון שפּיטאָלן.
די פּיס גיט אַ טאַפּ—
גאַנץ גוט שוין געשוואָלן.

טייערע ברידער

טייערע ברידער,
כ'האָב געפּראַצעט מיט אייך.
מיט שווייס און מיט זאָרג
געווען בין איך רייך.

געווען "אַ גרינער",
פּאַר באָסעס געציטערט.
אין אַרבעטס-שטונדן,
איך האָב זיך געביטערט.

ס'האָט מיין לעבן דער פאָרמאַן
מיט זיין בליק פאַרביטערט.
אין אייערס אַ שמייכל
כ'האָב שטאַרק זיך געגויטיקט.

* *
*

איך בין ניט אַוועק
פון דיר, אַרבעטער, פריינד.
איך הייל אין שפּיטאָלן
דיינע קראַנקע אויך היינט.

אַ שפּאַציר דורך צייטן

ס׳איז קלאָר דאָך און זיכער,
אַז וועגן קולטור
מיר האָבן פּיל ביכער
פון אויפגאַנג און שפּור.

געלייענט מיט וואונדער
אַ סך געשיכטע.
פון פעלקער באַזונדער,
פאַרשטאַנד און פליכטן.

דאָך לאָמיר דאָ בליקן,
דעם אַמאָל און איצט.
די צרות און גליקן
וואָס מענטש שאַפט און שטיצט.

דער מענטש האָט געגראָבן
די ערד פאַר זיין ברויט.
האָט רו געוואָלט האָבן,
זיך ווייט ניט געשפּרייט.

האָט פייגל געפאַנגען,
אויך פיש פון אַ טייך—
אין זיין לעבן אין לאַנגן
געווען אַלע גלייך.

האָט ווייניק געשטרעבט,
פרעמד פון אַ ווייטיק.
האָט אין ערגעץ ניט געשוועבט—
געוואָלט וואָס ס׳איז נייטיק.

דערנאָך האָט ער וואַנדלען
אומעדום גענומען.
און באַלד צוליב האַנדלען
געפאָרן, געשוואומען.

זיין גלייכן געטראָפן—
דערפילט גערודער.
באַלוינען און שטראָפן
גענומען זיין ברודער.

אנדעקט באַלד מאַשינען
וואָס גרינגערן לעבן.
מיט מער טיפקייט און זינען
גענומען אַלץ שטרעבן.

און באַלד זיך פּלאַצן
און הערשן געזוכט.
אַ צווייטער זאָל פּלאַצן,
פאַר זיך נאָר די פרוכט.

צעשפּרייט איבער וועלט
דורך שטאָל און וועגן.
געזוכט מערער געלט—
און פאַר זיך פאַרמעגן.

און צעטיילט אין קלאַסן
זיינען מענטשן געוואָרן.
אָרעם,רייך, מיט האַסן,
צו קריג פאַרשוואָרן.

אוניווערזיטעטן,
פאַר נאָר אַזעלכע.
שפּיטאָלן מיט בעטן—
פאַר אַבי וועלכע.

גלחים און קלויסטערס
מיט פוסטע צילן .
פאַר שמירער און טרייסטערס
קבצנים צו שטילן.

געוואַקסן פאַרברעכער,
און טורמעס געמאַכט.
און די אַלטע לעכער—
האָבן מענטשן געשמאַכט.

* *
*

וואָס מערער פאַבריקן
און גוטעס געשאַפן,
מער אַרבעטער שטיקן,
און מערער פאַרשקלאַפן.

אין ברויט זיך געניייטיקט,
גענוג צום קלאָגן.
ווען צופיל געוויייטיקט—
גענומען זיך שלאָגן.

סטרייקס און פּראָטעסטן,
אין קאַמף געראַנגלט.
די אַרבעטערס אַרעסטן—
ס'האָבן קייטן געבראַזגעט.

רעפּובליקן געוואַקסן,
אַביסל פרייהייט געבראַכט.
קאַפּיטאַל, דער עקשן,
האָט פון געלט נאָר געטראַכט.

און וועלטלעכע טיילן
וואָס מער פאַבריצירט,
מיט פייער און קוילן
האָבן קאָנקורירט.

און עס האָבן וואַמפּירן
געהערשט איבעראַל.
מלחמות געפירט
פאַרן גאָלדענעם קוואַל.

*
*   *

דאָן דערוואַכט האָט רוסלאַנד—
דענקט זיך—מענטשלעכער רעטער!
דערקלערט זיך סאָוועט-פאַרבאַנד
אַרבעטערס פאַרטרעטער.

זי האָט רייכטום פאַרבאָטן,
אַרבעט דערהויבן.
קאַפּיטאַל צעטראָטן
נאָך מאַרקסעס גלויבן.

אין זאָרג פאַר געדריקטע
האָט זי קיינעם ניט פאַרמידן.
געהיילט די פאַרשטיקטע—
באַפרייט אויך אונז אידן.

* * *

האָבן נאָך מער גערינסן
צווישן זיך די פעלקער.
געזוכט נאָר צו געניסן—
פאַרבליבן בלוט מעלקער.

זיי האָבן יאָרן און יאָרן
פאַר אַ ליגע אַגיטירט.
ס'איז גאָרנישט געוואָרן—
ווייל זיי האָבן פאַלש זיך געפירט.

געהאַט דיפּלאָמאַטן,
גערעדט און געשריבן.
דערווייל נאָר סאָלדאַטן
אומעדום געטריבן.

צו ערשט פיל געבאָטן
פאַר די רוסן צו שלאָגן.
געווען ניט געראָטן
יעדער פאַלשער זאָגן.

האָט רוסלאַנד פאַרשטאַנען
די "עליים" און "דייטש",
גענומען זיך שפּאַנען
מיט אייגענער בייטש.

האָבן לענדער געשאָלטן
זיך איינע די צווייטע.
זיך ענדלעך צעשפּאָלטן:
ווער מיט נאַצי ווער מיט רויטע.

* * *

די מענטשן-מאַשינען
טראָגן זיך אין דער לופטן.
וויל קראַפט געפינען
און הימלישע דופטן.

אויף לאַנד און לופט זיך שלאָגן
די מענטשלעכע גלידער.
זיך נוצן און פּלאָגן,
קריג מיט פרעמדע און ברידער.

דער מענטשלעכער כוח
האַלט אין אַלץ דורכדרינגען.
זיין טרוקענער מוח
הערט באַלד אויף צו זינגען.

לופט איז באַגייסטערט,
וויל יעדן באַגליקן.
מענטש פאַר קריג זיך מייסטערט,
אַ צווייטן וויל דערשטיקן.

צי פרויען, צי מענער—
ס׳ווערן אַלע מאַשינען.
אַך, צייט, נעם הייליקע טענער
פאַר זיך שנעלער געפינען!

אַ טענה צו גאָט

כ׳ברענג מיין זאָרג מיט אַ טענה,
צו דיר קום איך, גאָט, מיט קשיות מיינע.
אין יאָרן פון מענטשנס צאָל,
פון ניט לאַנג און פון אַמאָל,
כ׳האָב געשעצט דיינע וואונדער,
אין איינעם און באַזונדער.

כ׳זע — שיין האָסטו דיין וועלט
באַשאַפן און צעשטעלט,
ווייטע און הויכע טיילן
און דו קענסט זיי מעסטן, ציילן,
און ווייסט ווי שטענדיק זיי גייען—
און ווי אַזוי זיי זיך דרייען.

און וועלטן אין די וועלטן,
מיט אַזוינס ווי היץ און קעלטן
האָסטו באַשאַפן אין מיליאָנען.
און יעדער פריי געזאָנען,
און אַן ווערטער און אַן וואָפן,
אַן הערשער און אַן שקלאַפן.

נאָר דעם מענטש האָסטו באַשאַפן
אַזוי אַז ער מוז שקלאַפן,
און האָבן ווייניק קרעפטן,
און זיין פלייש, ביין און זאַפט,
אין וועלט פון אַ סך חיות,
מיט נאָך שוואַכע העויות.

קום, גאָט איך וויל דיר באַווייזן,
אין דער היים, גאַס און אין קרייזן,
אויף שיפן און וואַגאָנען,
טויזענטע צו דערמאָנען,
איבער ערדס אַלע טיילן,
מענטש דאַרף זיך שטענדיק היילן.

אָדער אין גרויסע צאָלן,
מיט קערפּערס געשוואָלן,
מענטשן מיט בלאַסער העלקייט,
צי מיט אַ חורבן-געלקייט, —
צערודערט יעדער אבר
און בעטן זיך צום קבר.

ביטערט שמערץ, גליען וואונדן,
צעריסן און צעצונדן;
ווען אַן אַנוואַקס דאַרף שניידן,
פאַרגרינגערן די ליידן,
און ווער מיט קרעכציץ נעמט שרייען,
הונגערט און קען ניט קייען.

קום, גאָט, מיט מיר צו אַ שפּיטאָל,—
אַבי וועלכן פון דער צאָל,
אין די קאַמערן ברייטע,
אַ חוץ די וואָס זיינען שוין טויטע,—
ועסטו זען צרות גרויסע,
בילדער פון טרערן הייסע.

בעטלעך אומעדום צעשטעלט,
פון בעטן אַ גאַנצע וועלט.
מענטשן ווי אויסגעצויגן,
אָדער גאָר ווי צעבויגן,
ליידן פון אַ ביטער גאַפּט,
וואָס צופּט אַרוים לעבענס-זאַפּט.

אָדער אין דעם אַנדערן עק
פאַר אַ ספּעציעלן צוועק,
דאָרט אין אַ צימער אַ צווייטן
מען האַלט אַלץ אין איין גרייטן,
צום שניידן אַ סך לייבער—
פון מענער, קינדער, ווייבער.

קום, גאָט, זע אָט יענע טיילן—
נאָך אַ צווייפל און היילן.
מענטשן דאָ עקזיסטירן
הינטער פאַרשפּאַרטע טירן.
אַהער געבראַכט פון איבעראַל
ווייל זיי דענקען ניט נאָרמאַל.

כ׳הער אַ שטימע

״די ערד האָב איך דיר געגעבן,
מיט ברויט און וואַסער צום לעבן,
געוואָלט זאָלסט רו געניסן—
און קיין בלוט ניט פאַרגיסן.

אָבער דו האָסט געשענדט,
אויף זיך אַליין שלעכטס געווענדט.
דיין מוטער האָט געוואָלט גליקן,
אין איר בויך דיך דערשטיקן.

טראַכט ניט פון מוטערס פליכטן,
אבי איר פיגור ניט פאַרניכטן,
דער נאָך קרום איז דיין עסן־טרינקען,
דיין נאַטור מאַכסטו צו זינקען.

נאָר פוסטע פראַזעס קענסטו שענקען
און אַליין לאַדסט איין דיין קרענקען״.

אדאַנק דיר, גאָט, פאַר דיינע חקירות—
כ׳קום צו דיר מיט פרישע זמירות:

שיק צום מענטש אַ נייעם דאָקטער
וואָס אַ האַרץ אַ גוטס פאַרמאָגט ער,
און אַלץ וואָס וויכטיק
וועט זיין געטאָן אויף ריכטיק.

צו אייראָפּע
(מאי 1945)

מער ניט סאָפּע,
דו, אייראָפּע,
דאַרפסט מער ניט שטעכן
און גאָר ניט ברעכן.

אוים מלחמה,
אוים נקמה,
אַ צווייטן פּרעסן
נעם גלייך פאַרגעסן.

פאַרריכט די ווענט,
צעוואַש די הענט,
זע צו שאַפן ברויט
און פאַרטרייבן נויט.

נעם זיך היילן
אַלע טיילן
און מאַך אַלץ גלייך—
פאַר אָרעם־רייך.

גאָר אָן טרוימען
בוי זיך היימען.
ניט לאָז מער האַסן
קיין שום ראַסן.

נעם שוין האָפן
נאָך די שטראָפן,
זיך מער ניט שלאָגן
פאַר פיל פאַרמאָגן.

דיין קינד אין וויג
פאַרשווער פון קריג,—
ווייז אַ נייע וועלט.
פרידן גוט באַשטעלט.

צו אַרמייען
קיין געטרויען,
לערן די יוגנט
אַלץ וואָס איז טויגנט.

רוף די מענטשן
זיך צו בענטשן,
זאָל יעדער שאַפן
אַלץ אָן שקלאַפן.

זינג זשע לידער
פון איין סידור.
און זאָל יעדעס לאַנד
זיין אין איין פאַרבאַנד.

ניטאָ וואָס צו זאָרגן...

נו, ברידער, ווערט גוט געזאָגנען,
איר האָט דאָך ניט וואָס צו מאָנען.
אַלץ איז דאָך געראָטן—
ווי פון גאָט אַליין געבאָטן...

נו, געווען איז ניט לאַנג אַ קריג,
אָבער זיך געענדיקט מיט אַ זיג.
עס איז פאַרשוואונדן היטלער,
דעם מלאך המותעס פאַרמיטלער,
וואָס האָט אייראָפּע אַזוי צעברענט,
ווי ניט קיין אַנדערער האָט ווען געקענט.

אָך, זאָרגט ניט, אונז אידן,
האָט ער חלילה ניט פאַרמידן:
צו די שענסטע פּלעצער אונז געשיקט...
און אַז אין פייער יע געשטיקט?

כע, דאָס איז דאָך אַ האָר ניט ווערט!
יעדערער אויף אונז—אַזוי באַגערט...
דאַרף דער איד איצט אַ נשמה.
איצט, אָט נאָך אַזאַ מלחמה?

און אויב עפּעס טרעפט ביי לייטן—
האַלט זיך אויך ניט ביי די זייטן...
אָט צווישן רוסלאַנד אַן ערך
מיט ענגלאַנד אַזוי בדרך,
איז דאָס ביי אייך גאָר אַ ניים?—
מאַכט זיך אַז מען ווערט אין כעס,

פאַרגעסט וואָס געווען איז אַמאָל,
און צו קלעפּ איז דאָך ניטאָ קיין צאָל...
איצט קען דאָך רוסלאַנד, דער בער,
טאַקע געבן מיט אַ קלאַפּ מער,
האָט ענגלאַנד דאָס גענומען שמעקן,
און צו אַראַבער זיך אונטערלעקן.

נו, אַז פעטער סעם אַליין
וויל זיך ניט מאַכן צו קליין?
מיט רוסלאַנד?—קיין יסורים!...
מער ניט אַזוי גלאַט דבורים...
ניט אַ וואָרט פון אַ ביקס און שווערד,
צו וואו באַלאַנגט אַ שטיקל ערד.

איז אַט נעמען זיי פאַרהאַנדלען
און באַלד ווידער יואַנדלען,
און יעדער גאַר ווי מיט אַ קוועטש
גיט זיין שטול דאָרט אַ זעטץ.
און גאָר שוין ניט פאַרשלאָפן
יעדער פון זיי איז ווי ער וואָלט אַנטלאָפן.
זאָרגט ניט, זיי זוכן פרישן מאַך
צו פאַרשטעקן יעדע לאָך.

הערט אויף זאָרגן זיך און שרעקן,
מען וואַרפט זיך ניט מיט קיין שטעקן,
פאַרקערט, זיי רעדען נאָך מיט דופט,
דורך קאָמיטעס און דורך לופט,
מען רעדט ניט פון האַרמאַטן,
און ניט פון אַ סך סאָלדאַטן.

כע, גאָר נישט, נאָר פון אַטאָמען...
חלילה ניט פון אַטאָמן הויך און שטיל,
חלילה ניט פאַרקויפען דאָס אין קראָמען.
מיט אַזאַ אָפענעם געפיל,
נו, כע, אַט די אַטאָמען
מאַכען דאָך ניט קיין פּאָגראָמען...
ווער וויל זיך פון אַטאָמען קאָכן?
קיינער קען פון דעם ניט זיין געבראָכן...

אַנקל סעם וויל פאַר יעדן אַ זיכער בריקל...
איז וואָס, אַז ענגלאַנד כאַפּט אַ שטיקל?
אַט ווי איצט קריכט זי אין יאַווע,—
נו, עס איז ניט אַ קאַנאַווע ...

און וואָס ווילט איר צייגן
אַז זי קען גאָר ניט לייגן?
יע, טאַקע אין איר געשיכטע
גיט שוין גאָר אַסך געדיכטע...

אָבער איצט, אירע ספּעציאַליסטן
קליידן זיך ווי סאָציאַליסטן,
אָבער האַלטן נאָך אין טאַפּן
וואו, וואָס זי קען עפּעס כאַפּן.
פון קאַלקוטע זי ווערט באַגריסט,—
ענגלאַנד—איר בלוט ניט פאַרגיסט.

ווייטער אידן?—גאָט אין הימל!
ענגלאַנדס וואָרט גייט ניט צום שימל.
אירע וואָרעמע ווערטער
לאָזט זי ניט ווערן קעלטער.
וואָס זשע, אידעלעך, איר דאַרפט אַ היים?—
עס איז גוט, מען לאָזט אייך קנעטן ליים!

איר ווייסט אַז פון טאָוול ביז טאָוול
געשיכטע האָט פאַר אייך אַ בבל.
עס האָט אַמאָל די גרויסע רוים
צעבראָכן אייער לעצטע היים.
איצט האָט בול געשענקט זיין וואָרט
אונז אידן זיין צוריק אויף יענעם אָרט
פאַר זיך דאָס לאַנד צו שאַפן
און ניט אויף אייביק שקלאַפן.

וואָס? צוגעזאָגט אַ מלוכה
און דערנאָך גיט זי אַ פליוכע ?
אָט הערט זיך איין דאָרט צו דעם אידל
ער שפּילט זיך ווי אויף אַ פידל:
"איי-איי-איי, זאָגט די גמרא,
אַז עס איז טאַקע אַ סברה,
אַז יעדער אידישער שונא כאַפּט אַ צרה
און ענדלעך ווערט ער אַליין די כפּרה...

נו טאַקע, אידן, האָט רחמנות
און זעט אַליין בנאַמנות,
איז וואָס אַז בול מאַכט אַ מינע
פאַר יעדן וואָס איז אין פאַלעסטינע?
איז דאַרף איך אייך דערציילן
אַז ער וויל קיינעם ניט צעטיילן?
כע, אָט אין יאַווע, אינדיע און מצרים
מאַכט מען דאָך אויך לחיים...
און אפשר וועט זי ניט שלאָפן
און די אידן מער ניט שטראָפן.

עס קרענקט

עס קרענקט און קרענקט
דער מענטש אין אַלע פֿאַכן,
נאָך וואונדער בענקט
און שטרעבט צו גרויסע זאַכן.

מענטש בענקט און בענקט
און די וועלט טיף שטודירט ער.
דאָך קרענקט און קרענקט,
כאָטש גיך פֿאָראויס מאַרשירט ער.

דערוועלט ער שענקט
אַ סך וואָס בעסער, זיסער.
און דאָך עס קרענקט
דער מענטש,—פֿון אַלץ באַגריסער.

אַזוי, אָט קרענקט
די מענשהייט איצט אין גאַנצן.
פֿון קריג נאָר דענקט,—
צעשטערט די היים און פֿלאַנצן.

1942

צי גערעכט, צי קרום

יונגט שטרעבט, זוכט אַ תכלית,
זעט פּאַראַוים זיסע שטראַלן.
שנעל באַגעגנט גרויסע מחלות,
קריגט זאָרג פון טיפע קוואַלן.

מענטשן, יונגע, מענטשן אַלטע,
שטאַרק אין דוחק פון געזונט;
קעפּ צעהיצטע, פים גאָר קאַלטע,
ליידן שמערצן אָן אַ גרונט.

מאַזלען, פּאָקן, לונג ענטצונדן,
צו די ביינער גאָר ניט גוט;
בויך צעשניטן, וואונד צעבונדן,
צי פאַראַרעמט איז די בלוט.

מאַרך צערודערט, הויט געשווירן,
צי אָן אָנוואַקס צאַפּט די זאַפט.
ווערן נוצלאָז די געהירן
און דאָס האַרץ ווערט אויך אָן קראַפט.

האַלדז געשוואָלן, בלינד די אויגן
אָדער ער ווערט גאָר טויב און שטום.
ס'ווערט אין קבר אויסגעצויגן,
יעדער,—צי גערעכט, צי קרום.

מענטש און צייט

פון געשיכטע לערנט ער אַרויס,
אַז כאָטש איצט איז ער גרויס
איז ער געווען אַ חיה,
אַ ווילדע, אַ פרייע,
מיט הערנער און עקן,
זיך און יענעם צושרעקן,
פאַר טויזנט יאָרן
ביז קליגער געוואָרן.

און היינט אין זיין לעבן
דער מענטש איז באַגעבן
מיט אַזוי פיל זאַכן
פון ווינסנשאַפט, פאַכן,
פון הימל דעם גאַנצן,
פון ערד און פון פלאַנצן,
מיט קראַפט און לופט,
מיט די וואונדער פון לופט.

זיין ווינסן ווערט גרעסער
און וואָס ערגער און בעסער,
אָבער דורך די יאָרן
ער איז ווי פאַרשוואָרן,
זיין אייגענעם לעבן
ענדלעך אויפגעגעבן.

זיין קערפּער פאַרשטייט ער,
היגיענע פאַרשפּרייט ער.
ער ווייסט פון שטודירן
די לונגען און נירן,
דאָס הארץ קען ער טאַפּן,
און הערן עם קלאַפּן,—
אויך דאָס לויפן פון זיין בלוט,
אויך ער ווייס ווען ס'איז שלעכט און ווען גוט.

די פלעצער און קוואַלן
דורך אַלע קאַנאַלן,
ווען די היץ ווערט הויך
און ווען מאַרך איז צו ווייך.
נו... אַלץ איז דאָך קלאָר און שאַרף,—
דאָך דער מענטש אין צייט שטאַרבן דאַרף.

און קרענקענדע מענטשן
אויך געטער זיי בענטשן,
צו זיין פריי אין גאַנצן
פון די פילע פּראַנצן
וואָס זיינען אורזאַכן
די קראַנקהייט צו מאַכן.
דאָך... אַזוי ווי שרפות
עס קומען מגפות.

גרוים ווען ער אַ צווייטן
אין קריג וויל שנעל טויטן,
און זוכט מיטלן בעסער
מיט מאַשינען גרעסער,
וואָס מער צו פאַרניכטן
און טויזנטער שיכטן
מיט בלוט לענדער ער פאַרבט.
און ער אַליין ... שטאַרבט.

* * *

אָך, מענטש, העלד דו גרויסער,
דו דענקסט דו ביסט אַ קייסער,
יע, קענסט זיך באַשיצן
דורך צייטס דונער און בליטצן.
נאָר דו ווייסט ניט זיכער
מיט אַלע דיינע ביכער
וואָס איז דאָס לעבן
און וואו נשמות שוועבן.

גיי אוועק

(צום יאָר 1944)

גיי זיך אוועק
מיט אַלטער וועלט,—
וועט קומען אַן עק
צו בייז און קעלט.

גענוג געראויבט
האָסטו אַלץ ארום.
מיט שמערץ פאַרטויבט
וואָס איז ערלעך און פרום.

מיט בלוטיקער האַנט
דער מענטש געדריקט.
שקלאַפן געשפּאַנט—
פרייהייט געשטיקט.

שוואַך דיין צעטל
אין געשיכטע,
יעדער בלעטל—
אַ טרער אַ געדיכטע.

קריג געשאַפן,—
פיל געשלעגן.
צוואַנג צום שקלאַפן
דיין פאַרמעגן.

שמערץ געלאָדן,
פויסט געקלאַמירט.
נאָר צום שאָדן
אַלץ געהאַמערט.

מענטשנס בעכער
פול מיט פיבער,
שטאַרב שוין גיכער—
זיי פאַראיבער!

זאָל דיין עפּאָכע
זיין פאַרשוואונדן,
וועט מזל-ברכה
אפשר קומען.

4

בענקעניש

איך וויל זינגען

איך קען מער ניט רעדן,
ס'רייסט מיך צום זינגען;
דאָס וויל מיין נשמה,
זי לאָזט זיך ניט דינגען.

איך קען מער ניט רעדן,
איך האָב ניט קיין סודות.
ס'רייסן זיך געזאנגען,
גאָט איז מיין עדות.

כ'קען מער ניט רעדן,
ס'צופּט מיך צום וויינען.
כ'קען אייביק מיט טרערן,
זיך האַרצלעך פאַריינען.

איך קען מער ניט רעדן,
מיך רייצט מיין נשמה.
פאַרמאַך איך די אויגן,
כ'וויל זינגען מסתמא.

האָב איך פרילינג געהאַט?

האָב איך פרילינג ווען געהאַט?
כ'האָב מיט אים זיך ניט געפרייט?
זיינע לידער ניט געהערט,
פרילינג קומט און גיך פאַרגייט.

האָט דער זומער ליכט און רו?—
פאַר מיר האָט זומער קיין ליכט ניט געשפּרייט.
ס'בלייבט מיין זומער טונקל.
דער זומער קומט, דער זומער גייט.

מוז דער האַרבסט חורבן ברענגען?
מיין ליכט דורך אים צעטרייבט.
קלאָגט דער הימל, וויינט די ערד,
האַרבסט קומט, אויף לאַנג און בלייבט.

פאַרוואָס ווינטער ביטער-קאַלט,
אין מיין האַרץ פאַרקלייבט זיך?
ניט קיין האָפענונג, ניט קיין שטראַל,—
ווינטער קומט זיך, ווינטער בלייבט זיך.

אומעט

כ׳וויים ניט פון אומעט קיין אָנהויב, קיין סוף.
כ׳וויים איר ווירקונג און טונקעלע מאַכט.
שוין לאַנג, טאָג-טעגלעך זי דריקט מיין ברוסט,
וועקט מיך פרימאָרגנס, פאַרוויגט מיר ביינאַכט.

נעם איך זינגען לידער פון עלנט,
פון בענקשאַפט נאָך ליבע האָב איך געחלומט לאַנג.
פון שטרעבונג, פון יוגנט, וואָס שמאַכט און דורשט,
פון גייסטיקע ליידן, פון זאָרג און פון באַנג.

נעמט דערמאָנען דורך ביטערן טאָן
די קינדהייט, — בעסטע פאַרשוואונדענע צייט.
צעלעכערט מיין וויי, זויגט דעם מאַרך—
באַדויערט פאַרלאָרענעם שטרייט.

און עס בלייבט פרעמד זיין אָנהייב, זיין סוף,
ס׳פילט זיך זיין ווירקונג, — טונקעלע מאַכט.
ווער וויים ווי לאַנג וועט דריקן מיין ברוסט,
וועקן פרימאָרגן, וויגן ביינאַכט.

מיין געשריי

איך בין צו אייך געקומען,
געקלאַפּט אין אייערע טירן.
איר האָט מיין וואָרט מיט האַס גענומען,
מיך געוואָלט אין קייטן פירן.

עס איז פאַר אייך גאָר אַ זינד, —
וואָס איך האָב מיין האַרץ אויפגעדעקט.
איר ווילט אייביק בלייבן בלינד,
צו אַלץ וואָס ערע דערוועקט.

עס איז דאָך אייער יאָגן
פון אייביק אָן פּוסט און וויסט.
כדי נאָך מער צו פאַרמאָגן
פרעמדע בלוט איר פאַרגיסט.

איר מאַכט די גלאָקן קלינגען,
אייער אייגן מאַרך איר פאַרטויבט.
פאַלש איז דאָך אייער זינגען,
איינם דעם צווייטן איר באַרויבט.

פון לוסט איז אייער טראַכטן,
איר זוכט מער קראַפט צו געניסן.
איר האַלט אין איין טראַכטן
אַלץ וואָס ברעכט דעם געוויסן.

איר לויפט זיך, איילט זיך און פּלאָגט זיך,
זוכט דאָס בעסטע צו פאַרנעמען.
אייך אַרט ניט אויב עמיצער קלאָגט זיך,
איר ווייסט ניט ווי זיך צו שעמען.

איר זוכט מלחמות צופירן,
מער רייכטום צו פאַרמאָגן.
אָך, בלוטיקע וואַמפּירן,
בלוט פאַרגיסט אייער יאָגן.

איר ווילט מען זאָל אייך לויבן,
ווען איר שענקט שטיקלעך ברויט.
איר פאַרדעקט אייער רויבן,
וואָס שאַפט הונגער און טויט.

קונסט איר שאַצט כלומרשט הויך—
איר האָט קיין פלאַץ פאַר געלט.
איר ברענט עס אין פייער־רויך,
איר טוט וואָס אייך געפעלט.

איר קענט די וועלט ניט מאַכן
לאַנג פאַרזעצן אַלע ליידן.
די צייט וועט ברענגען אייער קראַכן—
און אייער שטראָף ניט מיידן.

עס וואַרטן אויף אייך קברים,
עס וועט די צייט אייך אָפּמעקן.
אַוועק וועט רייך און אָרעם
ווען ערד וועט אייך פאַרדעקן.

געדאַנקען

ניט מיט ווערטער קען איך מיין אומעט דערציילן,
ניט די שורות וועלן מיינע וואונדן היילן,
דערשלאָגן איז מיין שטים — אין טרערן איך שווים.

זאָג מיר: וואו איז אַן אַנהויב און וואָס איז אַן אויסלאָז?
האָבן זאַכן מער ווערט איידער אַ ווינט-בלאָז?
די וועלט איז צעדרייט, — אין חשק פאַרשפּרייט.

פאַרוואָס איז קיין זאַך ניט שטענדיק חוץ שמערץ און ליידן.
וואָס קען דער היינט נעכטיקע צרות ניט מיידן?
דער נעכטן, פאַרטויבט און דער היינט באַרויבט.

זאָגט מיר: פאַראַנען אַ שאָל צרות אָפּצוּוועגן?
מוז דער הונגער מיט קללות אַלץ דערווערגן?
ס׳זאָרגט ניט יענער ס׳זאָרגט ניט דער,—
הונגער שפּרייט זיך מער און מער.

ווערט אַלץ אין טומל פאַרגליווערט און פאַרלאָרן?
פאַרוואָס איז יוגנט צו שטאַרבן פאַרשוואָרן?
יוגנט איז גאָר ניט ווערט,—שנעל פאַרניכטעט ווערט.

האָט בענקעניש אָן עלענד ערגעץ וואו אַ ברעג?
קען אַ שטאַרקער ווילן ברענגען צום גלייכן וועג?
בענקען איז אומזיסט, — פון אַלץ ווערט מיסט.

קען טאַקע אַ באַרועסע פוס צו אַ וואונטש דערגיין?
איז פאַראַנען אַ קראַפט וואָס דעם שוואַכן קען פאַרשטיין?
צרה האָט קיין ברעג, — שוואַכער פאַלט אין וועג.

פרילינג

"ס'איז פרילינג!" הער איך זאָגן, —
אויף דעם האָב איך לאַנג שוין געוואַרט.
די שטימע פון קלאָגן
האָב איך פאַרטויבן געגאַרט.

געזוכט אין פרימאָרגן
פון דער זון די שטראַלן.
פון נעכטן די זאָרגן
זיינען היינט מיך באַפאַלן.

דאָרט ערגעץ צעבלימלט
ביימעלעך זיך ווייזן.
די מענטשן צעטומלט
די בלעטעלעך רייסן.

גרעזעלעך זיי צעטרעטן,
און פייגעלעך פאַרטרייבן.
ס'ווילט זיך מיר זיי רעטן, —
און האַרציק באַשרייבן.

געחלומט

עס דאַרף מיר קיינער ניט זאָרגן,
יעדער פרייַ איז פון באָרגן,
און גרינג איז אויסצומיידן
אַלע זיפצן און ליידן.

ניטאָ מער קיין אומעט־קלאַנגען,
מען הערט זיסע געזאַנגען;
די שוואַכע ניט צו בייגן,
ניטאָ קיין פאַרווייַנטע אויגן.

געחלומט פון וועגן
די גלייַכע און שיינע.
געבענקט נאָך די זאַכן
הייליק און ריינע.

געחלומט מיט האָפן—
און ווייטער געגאַנגען.
די רייען פון צווייפל
מיך האָבן געפאַנגען.

אין חלום געוואַנדערט,
קיין ענדע געפונען.
פון טונקעלע הימלען
אָפט טרערן גערונען.

געחלומט פון וועגן—
און תכלית געגלויבט.
באַגעגנט אַן אומעט
און מייַן האָפן צערויבט.

פון חלום כ'האָב זיך דערוואַכט
און לאַנג זיך גאָר ניט פאַרטראַכט:
געפונען אַלץ צעווייטיקט,
אין היילונג אַלין זיך נייטיקט.

איך שריי

שוין לאַנג אַז איך שריי,
איי, איי־איי, איי!..
קיינער שטערט מיר ניט,
קיינער הערט מיר ניט.

איך בלאָנדזשע לאַנג
אָן געזאַנג.
איך הער ניט קיין וואָרט
ניט דאָ, ניט דאָרט.

געזוכט וואָס גוט
דער מענטש טוט.
פאַרשיינען פיל
אָן אַ ציל.

אַמאָל געשיינט
נאָר ניט היינט.
בלומען געשאַרט,—
אַלץ פאַרדאַרט.

שוין לאַנג איך שריי
איי, איי־איי, איי!..
זעלטן זיך געפרייט,—
אַלץ ווערט טויט.

קיין מאָל אינגער

איך ווייס ניט ווען איך בין געווען אינגער.
פאַרפלויגן די יוגנט אין קלאַנגן.
דאָס וויינען מאַכט אַלץ נאָך גרינגער,
מיט טרערן איז רייך דאָס פאַרמעגן.

פון יאָמער פאַרבלייט נאָר דער ניגון,
אַזוי פאַרשווינדן די צייטן.
איך האָב ניט געוואָלט קיינעם באַזיגן,
מיט לידער געוואָלט זיך נאָר בייטן.

גאַנץ פרי איז געקומען די עלטער—
מיין ליד פול איז מיט ווייטיק.
אַלץ אַרום ווערט קעלטער און קעלטער—
כ'האָב אין טרייסט לאַנג זיך גענייטיקט.

פאַרטומעלט

איך בין וואוהין געגאַנגען,
ערגעץ—כ׳ווייס ניט צו וואָס.
געווען ווי געפאַנגען
און צעקלעמט אָן אַ מאָס.

געהאַט דאָך אַן ענין—
עפּעס נאָענט און ווייט.
צעבראָכן מיין בנין
האָט דאָס מזל אָן צייט.

מיט צווייפל פון לעבן,
צי רייך און צי אָרעם.
געוויקט זיך מיט שטרעבן
אין בראַנדיקן שטורעם.

געגאַנגען, געכליפּעט,
אַט איצט ווי אַנומעלט.
מיין האַרץ וויינט און כליפּעט—
איך בלייב נאָך פאַרטומלט.

איך פרעג

גיך און מעכטיק ימען גיסן,
ציען מיט זיך די יאָרן אויך.
קוואַלן וואַסער, טייכן פליסן,
פאַרשווינדן צייטן,—נידער, הויך.

אייביק האַלטן זיך אין בייטן
די זונען־טעג און שאָטן־נעכט.
קומען, גייען פילע שטרייטן
אָן אייביקייט פון זיי זיך פלעכט.

בליען שוין און דאַן פאַרדאַרבן
ביימער, גראָזן־יאַין וואַלד און פעלד.
קומען, טומלען אָן און שטאַרבן
מענטשן,—"הערשער פון דער וועלט".

כ'פרעג דער זון איר שטאָלצן קומען,
אין איר אָוועקגיין שעמעוודיק־רויט.
כ'פרעג דעם אומבאַקאַנטן שטומען,
וואָס פאַנגט מיט לעבן, שטראָפט מיט טויט.

כ'פרעג די ימען זייער גרינדער,
אָן דעם שווימען פון לאַנגן וועג.
כ'פרעג דער אייביקייט, דער בלינדער,
דעם ענד־ציל פון מענטשנס טעג.

מיין פאַרלאַנג

בלאָנדזשען אויף ברייטע פעלדער,
שוועבן מיט הימל־שטערן.
באַזעצן זיך אין וועלדער,
פון רעטענישן גאָר ניט קלערן.

אוועק פון טומלדיקן לעבן,
וואו מענטשן יאָגן, שרייען.
מיין האַנט צו ווילדקייט געבן,
פון פליכטן זיך באַפרייען.

ניט זוכן קיין באַלוינונג,
ניט קיין שאַץ, און ניט קיין פרייזן.
הערן פון מיין האַרץ אַ מיינונג—
און מיין וואונד קיינעם ניט ווייזן.

נאָר לידער וואָלט איך זינגען.
פון דער פרי ביז שפעט ביינאַכט.
און ווערטער זאָלן קלינגען,
און האַלטן מיך פאַרטראַכט.

זוכט ניט קיין זינד

איר זייט אייך געדולדיק
און זוכט ניט קיין זינד.
מיר זיינען אומשולדיק
אַזוי ווי אַ קינד.

האַלט איינער אין שרייען,—
ס'איז מעגלעך זיין ליד.
פון צאָרנדע רייען
שוין לאַנג איז ער מיד.

האַלט ווער אין שווייגן,
האָט ניט קיין טרערן.
זיין האַרץ וויל ער צייגן,
קיינעם ניט שטערן.

און דאָרטן פון ווייטן
לערנט ווער תורה.
פון אַלט-נייע צייטן
פאַר זינד האָט ער מורא.

די זון און לבנה
ניט זוכן קיין זינד.
זאָל עס זיין דיין כונה,
מענטש, אייביקע קינד.

איך גיי

1

איך גיי און גיי
עטוואָס פאַרטראַכט.
עס טוט מיר וויי,
אַ בלום זי דאָרט.

מיט שמערץ איך טראַכט
ווען כ'קוק אַרום.
ס'פאַרלירט איר פּראַכט
אַ צווייטע בלום.

אַ ליד מיך באַצווינגט—
כ'נעם איר הערן.
אַ פייגעל זינגט
ווי מיט טרערן.

און ווי מיט קלאַנג
זי שפּרינגט אַרום.
טוט איר אויך באַנג
וואָס עס דאָרט די בלום.

איך גיי און גיי,
קיין גוטס כ'דערוואַרט.
עס טוט מיר וויי
וואָס אַלץ פאַרדאַרט.

איך גיי אַהין
און גיי אַהער.
דאָ ווייזט זיך גרינג
און דאָ איז שווער.

גיי איך ווייטער
ניט געטראַכט.
ניט געדעגהט,—
אַבי געשמאַכט.

פאַר וואָס ניט גיין
דאָ אויף אַ זייט.
מיך אַרט ניט וואָס פּוסט
פאַרבלייבט די צייט.

צי ווייטער גיין,
כ'וויל ניט פרעגן.
דער זעלבער אומעט,
אויף אַלע וועגן.

זוך איך, זוך איך,
וועגן נייע.
אָבי וואו בלאָנדזשען--
אַ מחיה.

2

איך גיי, און גיי, און גיי—
וואוהין ווייס איך ניט אַליין.
עס דריקט מיין האַרץ אַ וויי,
באַהאַלט איך מיין געוויין.

גיי איך פּאַרט אין אַ גאַס,
זוך איך רו צו באַרגן.
געפין איך ווידער האַס,
מיט לייד און מיט זאָרגן.

גיי איך אָבער ווידער
נאָך אין פלעצער נייע,
הער איך יאָמער־לידער
גאָר אָן שטימען פרייע.

קען איך ניט דערגרייכן
קיין רו פאַר מיין זעל.
זוכט זי שוין אַ צייכן
פון איר קברס געשטעל.

ניט פֿאַרשווייגן

וויל איך קירצן מיין וואַנדער,
איך קען קיין מוט ניט קריגן.
מיך דריקט אַ זאָרג אַנאַנדער,
בלייב איך גאָר אַנטשוויגן.

קלאַפט מיך זאָרג ווי האַגל—
כ׳קען זיך ניט פֿאַרדעקן
וואַנדער איך און וואַגל,
כ׳זוך ניט קיינע עקן.

און ווען דאָס בלוט נעמט זידן—
צווייפל איך אין מיין באַגריף.
און אַזוי ווי אידן
זיפץ איך מיר גאַנץ טיף.

צו וואָס

צו וואָס זאָל איך טראַכטן
וועגן דעם היינט און אַמאָל?
כ׳דענק פון יענע פּראַכטן
פאַרשוואונדענע אָן צאָל.

פאַרפלויגן די צייטן,
ווי וואָלקנס טוען גאַנץ אָפט.
קאָלרין זיך בייטן—
איינער אַ צווייטן באַשטראָפט.

און עס פליען די טעג—
פול מיט חלומות די נעכט.
גוט וואָס זינגען איך מעג —
בעסער זיין ביי לידער אַ קנעכט.

צו וואָס דאַרף איך דאָס זינגען ?
אפשר זאָל איך גאָר שווייגן.
מיט זאָרג די לידער קלינגען,—
מיין שמערץ האַלט אין שטייגן.

צו וואָס דאַרף איך דערציילן
ווי אָפט עס גיסן זיך טרערן.
כ׳זוך ביי גאָט צו פועלן
ער זאָל מיר ניט שטערן.

צו וואָס דאַרף איך דאָס ווארטן,
כ׳ווייס ניט וואָס און זועמען.
ווען כ׳וואָלט געהערט אַ וואָרט אַ צאַרטן,—
וואָלט מיין האַרץ ניט קלעמען.

צו וואָס טויג גאָר דאָס האָפן—
אַז קברים אָלין באַדעקן.
כ׳וויל אַזוי איינשלאָפן
און קיינער זאָל ניט וועקן.

עס יאָגן

עס יאָגן זיך די מענטשן—
און איך יאָג זיך מיט זיי.
איך וויל זיי אַלעמען בענטשן
מיט ווערטער אָן געשריי.

איך זע מענטשן פיל אַזעלכע
וואָס בלאָנדזשען אום פון ווייט.
כ'ווייס ניט ווער און וועלכע
ווילען העלפן מיר אין שטרייט.

פון וויַיטן הער איך ווערטער,
ווי לידער זיי ציען זיך און ציען.
כ'בענק נאָך באַבלומטע ערטער,
איך זוך זיי וואו זיי בליען.

דער הימל דאַכט מיר איז פאַרטראַכט,
מיט רחמנות קוקט אויף מיר.
די לופט האָט צויבער געבראַכט,
מיין בענקען בלייבט אָן אַ שיעור.

און זע איך וואָלקענס פאַרצויגן,
זון און לבנה ניטאָ.
זוך איך מיין קאָפּ וואו צו לייגן,
מיך אַרט ניט צי דאָרטן, צי דאָ.

איך ווייס ניט ...

איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל גיין,
מיך אַרט ניט ווי ווייט ס׳איז דער וועג.
מיט אומעט פאַרבלייבן אַליין,
דאָס איז דאָך אַלץ וואָס כ׳פאַרמעג.

איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל גיין,
קען דאָס מיר עמיצער זאָגן.
די הימלען פאַרבלייבן היינט שיין—
בלויע קאָלירן פאַרמאָגן.

איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל גיין,
עס ציט מיך ווייט, ערגעץ ווייט.
אין מיטן פון וועג בלייב איך שטיין,
מיט באַדויער קוקן אויף מיר גוטע לייט.

איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל גיין,
אָט בלאָנדזשע איך ווידער פאַרטראַכט.
די זון וועט באַלד ווידער פאַרגיין,
איך האָב נאָך קיין טראָט ניט געמאַכט.

איך ווייס ניט וואוהין איך זאָל גיין,
איך הער בלויז אַרום טרויער-קלאַנגען.
בלייב איך פאַמעלעך דאָ שטיין,—
די זון איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען.

מיך אַרט ניט...

מיך אַרט ניט וואָס אַוועק איז דער זומער—
געווען איז ער טונקל ווי אימער.
איך בין אין פאַרצווייפלטן קומער—
דער קומער פאַרלאָזט ניט מיין צימער.

מיך אַרט ניט וואָס אַוועק איז דער זומער—
און וואָלקנס די הימלען באַציען.
מיך שרעקט אַלץ דער האַרבסטיקער קומער—
כ'קען פון אים ניט לויפן, ניט פליען.

מיך אַרט ניט וואָס אַוועק איז דער זומער—
כ'ווייס ניט וואָס אַ נייער קען צייגן,
וואָלט איך געווען אַ פרומער,
וואָלט איך אפשר אויפהערן דאגהן.

זינג איך

זינג איך אַ לידל,
אָן אָנהייב און אָן ענדע.
וואָלקענס צעטרייבן
צו איר זיך ווענדע.

זינג איך דאָס לידל
אַזוי רואיק און שטיל.
ניט מערקן זאָל קיינער
ווי עלנד איך פיל.

זינג איך מיין לידל,
עס הערט דאָך ניט קיינער.
כ׳פיל אַ מחיה
צווישן בערג און שטיינער.

איך זוך ניט

איך זוך ניט קיין גליק,
איך ווייס ניט וואו.
מיט צווייפל איך בליק
אין דרום זייט־צו.

עס ציט מיך אהער,
אט דאָ און דאָרט.
איך זוך שוין ניט מער
פאַר רו קיין אָרט.

איך זע פאַרצויגן
וואָלקנס ארום.
ביימער געבויגן,—
פייגעלעך שטום.

געחלומט ווען שטיל,
א בלום געזען.
געהאַט דאָך א ציל—
ס'איז גאָר ניט געשען.

די זון פאַרגייט

די זון פאַרגייט,
שוין טונקל ווערט.
אַ וואָלקן צעשפּרייט,
מיין ליכט צעשטערט.

כ'הער אַן אומעטיק וואָרט
פון גאָר ניט ווייט.
ניטאָ קיין אָרט
אַן זאָרג, אַן שטרייט.

ניטאָ קיין פּלאַץ
מיט אמתער רו.
דאָס גוטס וואָס איך שאַץ,—
נעמט רויך דאָס צו.

עס צווינגט מיך...

עפּעם צווינגט מיך צו פליען,
כ׳האַלט מיין דענקען אין טרייבן.
אַליין אַרום נעמט באַלד גליען, –
כ׳קען ניט רואיק פאַרבלייבן.

וואוהין וועט מיך ברענגען דאָס יאָגן,
כ׳בעט אים זיך אָפּצושטעלן.
כ׳דאַרף אַזוי פיל אים זאָגן,
טאַקע גאָרנישט פאַרפעלן.

איך וויל אים בילדער צייגן
פון מיין נשמהס מקומות.
מיין ליד אויך ניט פאַרשווייגן
אפילו פון חלומות.

אפשר ווילסטו ניט הערן
מיין געוויין אין די לידער.
וועל איך קוקן אויף שטערן
ניט זינגען קיין תפילות ווידער!

מיין קבר

אז איך וועל ליגן אַ טויטער
וועט קיינער ניט מאַכן קיין שטורעם.
עס וועט אויך ניט קיין צווייטער
באַקלאָגן אַלטע יסורים.

איך זאָרג נאָר וועגן מיין קבר
און גאָר ניט פון אַ מצבה.
מיין ליד איז דאָך פון מיר אַן אבר
באַגראָבט עס,—טוט מיר אַ טובה.

איך זאָרג ניט וואָס מיין קבר אַרום—
קיין באַזוכער דערוואַרט.
ס'וועט מיין ליד, — מיין אייגן בלום
אויך ליגן פאַרדאַרט.

כ'פלעג אָפט טאָג און נאַכט זינגען,
און קיינער האָט דאָס ניט געהערט.
מיין קבר שווייגן ט'מיר צווינגען
אַזוי וועט עס זיין מיר באַשערט..

* *
*

מיין קאָפּ פלעגט אַלץ טראַכטן
פון אַ הייליקן געבאָט.
אַלץ וואָס כ'האָב געוואָלט מאַכן
ט'מיך געערגערט מיט שפּאָט.

איז האָב איך געזונגען
און מיט טרערן געלאַכט.
פון לעבן געצוואונגען
זיך געוואָרפן אין שלאַכט.

מיין זעל האָט געציטערט
פון מענטשלעכע ליידן.
אין גרוב קיינער לאַכט ניט
כ'וועל דאָס כאָטש פאַרמיידן.

איי, ווײ

נו, אז ס'ווערט שוין דאָס האַרץ צערים,
און מען קען קיין טרערן ניט פאַרגיסן,
פאַרבלייב איך מיט אַ ביטער געשריי—
איי, ווײ, איי, ווײ.

און אז אויף אַ האַרץ מיך קען ניט פאַרדריסן
און עס בלייבט וויניק טרערן צו גיסן,
איז גיט זיך די זעל ווילד אַ דריי—
איי, ווײ, איי, ווײ.

און אז עס קענען מער די טרערן ניט פליסן,
נעמט דאָס האַרץ מיט בלוט זיך באַגיסן,
און עס צעברעכט זיך די נשמה אויף צוויי—
איי, ווײ, איי, ווײ.

און אז עס ווערט די נשמה צערים—
ווער איך פון געדאַנקען צעביסן,
ווערט מיט אַ קרעכץ אויך אַ געשריי,
איי, ווײ, איי, ווײ.

איינזאַם

בין איך מיר איינזאַם געגאַנגען
אין וועגן פון טיפע סודות.
איך האָב געבענקט נאָך געזאַנגען,
גאָט אַליין איז מיין עדות.

בין איך מיר ערגעץ פאַרפאָרן,
פון טרייסט. ניט געפונען קיין זכר.
מיין האָפן באַלד שוין פאַרלאָרן —
אַלץ איז געוואָרן נאָך בלייכער.

האָב איך מיר ערגעץ אַן אָרט
אין וועלדער און פעלדער געזוכט.
עס בלייבט שוין מיין ליד אָן אַ וואָרט —
ס'האָט זיך מיר דאָך דער אמת געדוכט.

די וועלדער איצט זיינען אויך שוין פאַרדאַרט —
כ'האָב די זעלבע פריער געלויבט.
אויף פעלדער האָב איך קיין גראָזן דערוואַרט —
פון וואָלקענס און מבול צערויבט.

אין שפּיגל

כ'האָב זיך אין שפּיגל דערזען—
צום טראַכטן זיך גענומען.
נאָך דעם וואָס איז פריער געשען
האָב איך בענקען גענומען.

די קאָפּ איז ווייס געוואָרן
און די האָר שוין גאַנץ זעלטן.
איך וואָלט זיך געשוואָרן,
איך גיי אין אַנדערע וועלטן.

כ'זע קנייטשן אויף דעם פּנים—
עס צוקט מיך גאָר קיין וואונדער.
זיי זיינען פריינד, צי שונאים—
ווייס איך גאָר ניט באַזונדער.

פון שפּיגל צו די שויבן
בין איך אַוועק ווי אַ חלום.
אין די הימלען פון אויבן,—
וויל איך זוכען מיין שלום.

אין שטורעם

ווי שרעקלעך דו ביסט, שטורעם,
דו וואַרפסט אַ טרויער געפאַר.
אין שמערץ דו שפרייטסט יסורים,
ווי גאָר אַ אידישער גזר.

אַך, גיי נאָך און גיי, רעגן,
באַהאַלט ניט דיין רציחה.
פאַרטרינק שוין אַלע וועגן,
דיין אומעט איז מיר באַלד ניחה.

איך האָב לאַנג אַזוי געוואָגלט
כ׳ווייס ניט אין וואָס איז מיין שולד.
דו האָסט מיט קראַפט געהאָגלט—
געדריקט מיין נשמהס געדולד.

און ווען כ׳האָב זיך גענייטיקט,
געווענדט צו דיר מיין געבעט.
האָסטו געלאַכט וואָס איך בין צעווייטיקט
און מיך מיט פרישע דונערס געפלעט.

איצט, שטורעם, קענסט מיך פאַרטויבן—
און רו אויף שטענדיק קירצן.
כ׳קען דיר באַלד שוין דערלויבן
הימל און ערד צו שטירצן.

אַך, גיס, גיס, דו רעגן,
לאָז די בליצן זיך צינדן.
ניט זאָרג זיך פון מיינעטוועגן—
מיך שרעקט ניט מיין פאַרשווינדן.

צום טאָג

אָך, דו טאָג, מיט ליכט ביזטו געקומען,
ווי אין טרוים אויף אַ קורצער צייט.
האָסט באַלד מיט שמערץ מיך ארומגענומען
און פאַרוואָרפן אין אַ שטרייט.

האָסט אין גאַנצן צעבראָכן מיין ציל
און מיט וואָלקענס זיך באַדעקט.
מיט בייז מיך דערשראָקן אַזוי פיל
און מיין זעל מיט בלוט פאַרפלעקט.

אָך, דו טאָג, האָלסט מיך געצוואונגען,
איך וויים ניט׳ פאַרוואָס אַזוי.
איך האָב מיין ליד נאָך ניט דערזונגען—
שטארקער מאַכסטו נאָך מיין ווייַ.

אָך, דו טאָג, געמאַכט האָסטו מיך צום שווייגן
מיט אייביק טונקעלער מאַכט.
נעם, לאָז מיך איצט מיין וואונד כאָטש צייגן
צו רחמנותדיקער נאַכט. ,

צו דער נאַכט

פרייע נאַכט,—מיין פראַכט,
אייביק בענטש איך גאָט פאַר דיר.
מיין פרייד האָסטו נאָר געמאַכט,
דער טאָג טוט עס ניט פאַר מיר.

קום, נאַכט,—בלייב מיין פראַכט,
לאָז מיך טוליען זיך צו דיר.
ניט זאָרג וואָס איך בין פאַרשמאַכט,
כ'האָב טאָגס ווייען אָן א שיעור.

ניט פלי, נאַכט,—זיי באַטראַכט,
קלאָגן לאָז מיך ניט פאַר דיר.
עס וועט מיין שמערץ גוט באַוואַכט—
גיב צום טאָג א דאַנק פאַר מיר.

קום נאַכט,—האָסט געלאַכט,
מיין געזאַנג—איך שענק עס דיר.
פון וואָס טאָג האָט מיר געבראַכט,
דו מיין קבר נעם באַציר.



צו מײַן משפּחה

דו, סאָניע, מײַן װײַבעלע,
צו יעדן אַ טײַבעלע
מיט אַ ליבע פֿאַרבליבן—
יעדנס זאָרג פֿאַרטריבן.

מײַן טעכטערל בײַלינקע,
געװוּס דאָך אַ װײַלינקע,
דו ביסט גאָר ניט פֿאַרפֿאַלן
און אַ סך אידעאַלען.

מעלװינקע, מײַן זונעלע,
פֿרײַ אױף לעבענס סטורנעלע,
מיט דײַן שטודירן
דו טוסט מיך באַצירן.

דו, איזעלע, מײַן ברודער,
אין אַלעמענס גערודער.
געהאָלפֿן װאו נאָר נײטיק
אין אונזער יעדנס װײטיק.

און דו, שװעסטער, סערעלע,
פֿאַרזוכסט װען אַ טרערעלע,
איצטער מעגסט דאָך לאַכן
און האַרציק דערװאַכן.

און, ראָזעלע, שװעסטער,
מוזינקע דו בעסטע,
פֿון יאָרן פֿאַרפֿלױגענע—
צו יעדן די אײגענע.

משפּחה, דו, קלײנע,—
איך װעל דאָך באַלד פֿאַרגײן.
נאָך צײטן אַזױנע
העלפֿט דאָך ניט קײן געװײן.

אויב איר װעט נאָר לעזן
אָט דאָ מײנע לידער,—
אַלץ װאָס געװעזן—
כ׳װעל אױפֿלעבן װידער.

1946

5

ישראל

התקוה

גאנץ הארציק זינג איך מיין לידל,
איצט מער ווי אמאל אין חדר.
איך נוץ מיין נשמה אלץ פידל
יום טוב און טעגלעך כסדר.

"הת קוה" רופט זיך דאס לידל,
זי שטארקט מיין אידשן בטחון.
כוח זי גיט מיר, דעם אידן
און האפענונג אויף נצחון.

די יארן אפט זיך בייטן,
דאס לידל טוט איר מלאכה:
גיט מיר טרייסט אין אלע צייטן—
דערמונטערט מיך מיט הבטחה.

נאך ציון בענקעניש אנטוויקלט—
זי מאכט פון מיר א קעמפענדן איד.
כ'האלט מיין נשמה פארוויקלט,
מיט ווערטער פון התקוה-ליד.

ניט פיל זיך, התקוה, צעוויטיקט
פון די וואס איצט פון דיר שפאסן.
באזינג אין וואס דער איד זיך נייטיקט,
בלייב אפריינך פון אלע ראסן.

דו זוכסט דאך ניט עפעס צעשטערן,
דיר איז הייליק מענטשלעכע טרוימען.
ווילסט אפווישן אייגענע טרערן,
און אויך זען פריי אלע רוימען.

אומעט און קרעכץ

אך, אומעט און קרעכץ,
מיינע אידישע פריינד.
מיט אייך איז מיר ליב
דער נעכטן און היינט.

מיין קרעכטץ און אומעט
כ'האָב מיט אייך זיך באַלעבט.
לידער פון קלאָגן
איר האָט אין מיר פרי געוועבט.

מיין אומעט און קרעכטץ
אך, ניט לאָזט מיך אַליין.
אָפּט פון מיין הארץ
ברענגט איר אַ טיפן געוויין.

אך, קרעכטץ און אומעט—
ניט קלייבט זיך שוין העכער.
איך האָב גענוג טרערן
פאַרן אידשן בעכער.



ישראל

די רייכסטע תורה פאַרמאָגט ער,
דאָך פון אַלטע צייטן זיך פּלאָגט ער.
פאַר א היים ביטער זיך קלאָגט ער,
אומעדום איז ער אַ פאַרפּלאָגטער.

פון דערהויבענעם שאַף טראַכט ער,
און קונסט און לערע באַוואַכט ער.
אָבער נאָר מיט טרערן לאַכטער—
פון ווייען זיין געשיכטע מאַכט ער.

דורך אוים אין דער פרעמד זיך טרינקט ער,
און נאָר פון אומעט לידער זינגט ער—
וואָס טיפער אין ליידן זינגט ער
אַלץ מער צו היים איצט ווינקט ער.



אַ געזאַנג צו ישראל

געלאָזט האָסטו דיין ליד, בים-באַם —
אין פרעמדע לענדער זיך הערן.
איצט מיט העלדן טריט, טראַם-טאַם,
צום היימלאַנד דיינעם מוזט זיך קערן.

ניט מער זאָלסטו פון אַלטן תהלים
דעם אומעט-ניגון זינגען.
ניט מער זאָלסטו אין טלית און תפילין
זינגענדיק טרערן שלינגען.

מיט געזאַנג איצט פון נחמה,
באַפריי זיך פון יסורים.
מיט קראַפט פון דיין נשמה,
קעגן דיין שונא מאַך אַ שטורעם.

זאָל דיין ווײ-געזאַנג, בים-באַם,
מיט נייער קראַפט זיך הערן —
ביז מאַרשירן, וועסט, טראַם-טאַם,
צו דיין לאַנד, וואָס וועט דיר געהערן.

אמונה

גערעכנט ראש השנה,
באַוויינט נאָך אַ יאָר אין שטראַלן.
ישראל מיט כונה
האָט דערעפֿנט צרות־קוואַלן.

דו ביסט פֿון וויטיק צעבראָכן,
ווילד געטריבן און צעשטערט.
וואָס מער דיך האָסט דיין שכן,
שטאַרקער דיין אמונה ווערט.

בייזע גזרות אָן אַן עק—
פֿיל געהאַט, און נאָך מער פּאַראַנען.
דיך פֿאַרשטיקן איז דער צוועק
פֿון די אַלטע און נייע טיראַנען.

דו האָסט פֿיל געדאַרפֿט קלאָגן
אין אַט דעם יאָר פֿון די יאָרן.
דאָך איז דיין גייסט ניט דערשלאָגן—
און דיין האָפֿנונג ניט פֿאַרלאָרן.

דו וואַלגערסט זיך אין וועגן,
און קריעות פֿיל געריסן,
ס'האָט קיינער ניט דאַגעגן,
דיין בלוט נאָך מער צו פֿאַרגיסן.

נאָר איין ווינקל אין דער וועלט
מעגלעך היילט דיין שמערץ און ליידן,—
דער בית מדרש איז דיין געצעלט,
וואו זאָרג אַוועלע קענסטו אויסמיידן.

1939

מה נשתנה—

טאַטע, פאַרוואָס צרות דריקן
אונז אידן אין יעדער לאַנד?
מען האַלט אומעדום אונז אין שטיקן,
מיר בלייבן אין פּיין און אין שאַנד.

פאַרוואָס דערשלאָגן ביז נידער
טויזנטער יאָרן מיר בלייבן?
מען שניידט אונזערע גלידער,
שטענדיק מען האַלט אונז אין טרייבן.

פאַרוואָס נאָר ווי פרעמדע מיר דיכען,
דאָס אַלץ וואָס עס דערלויבט אונז דער רשע.
מיר מעגן בלויז אַרומקריכן,
און דאָס אויך דורך אַ בקשה.

פאַרוואָס בלייבען מיר אין גלות
אין ציטער פון נאָך אַ גזרה?
מיר הערן אַרום זיך נאָר קללות
און בלייבן שטענדיק אין מורא?

עבדים היינו

מיין זון, כ׳פיל די קשיות מיט ווי
זינט מיר זיינען אַוועק פון מצרים.
די וועלט הערט ניט אונזער געשריי
אין וואַנדער באש ובמים.

מיר האָבן געקרעכצט באַזונדער—
פאַרשטויסן די אייגענע צוועקן.
אונזער דורכפאַל איז ניט געווען קיין וואונדער—
געצויגן זיך אין אַלע עקען.

אָבער איצט מיר נעמען זיך איינעז—
מיט היילן אונזערע איכה-קלאַנג.
אַנשטאָט נאָר צו קלאָגן און וויינען—
מיר קומען מיט התקוה-געזאַנג.

און לאָמיר קעמפן מיט התמדה
ביז ארץ ישראל מיר קריגן,
ס׳וועט קומען אַ נייע הגדה
מיט גאָר אַ זיסן ניגון.

פון לענדער נאָך ציון

אוועק איז דער איד
שוין לאַנג פון זיין היים.
מענטשלעכע פרייהייט
איז אים געוואָרן אַ טרוים.

געקומען דער איד
צו נאָך פעלקער און לאַנד,
אין אַ פרעמד געמיט,
שמערץ געליטן מיט שאַנד.

האָט געבלאָנדזשעט דער איד,
מיט געבויגענע פלייצעס.
געשלעפּט זיך ביז מיד
אין פילע ויצאס.

האָט געשריען דער איד,
און געיאָמערט אויפן קול.
געטריבן, געוואַנדערט,
גערוט ווען אַמאָל.

האָבן, ענדלעך די אידן
צעטריבן בהלות.
גענומען באַקעמפן
דעם ביטערן גלות.

האָבן אידן באַשלאָסן
מער זיך ניט שטיקן.
הערצער נאָך ציון צעגאָסן,
דערזען דאָרט זייערע גליקן.

לאַנד אין ציון געקראָגן,
און מער פאַרטיק צו קויפן.
ערד אוןביימער פאַרמאָגן
און מער אין ערגעץ ניט לויפן.

פון צעוואָרפענע ערטער
זיי אין רייען זיך ציען.
מיט תפילות און ווערטער,
זיי שטרעבן נאָך ציון.

עס פרייען זיך דאָרטן די אידן,
ווי שוועסטער און ברידער.
זיי זיינען אַלע צופרידן,—
זינגען אייגענע לידער.

און אין ציון זיי לעבן
ווי ערלעכע מענטשן.
זיי טוען און שטרעבן
און גאָט וועט זיי בענטשן.

ספירה

ניט יונג ביסטו שוין, אונזער ספירה—
מיר ציילן דיך טויזנטער דורות.
ניטאָ ווען אַ פריינדלעכע זמירה—
פאַרבאָטן פון פינסטערע גזרות.

מיר ציילן די ספירה ווי די אבות
ניט נאָר פון פסח ביז שבועות.
שטענדיק אונז טרויערן מחשבות,
מיר האָבן דאָך ניט קיין תבואות.

פרעמד אונזער יום טוב ל״ג בעומר,—
פאַר שיינקייט ניטאָ נאָך קיין סברות.
ס׳איז היטלער, פון חושך דער שומר,
וואָס פאַרשאַפט אונדז ליידן און צרות.

פון ציילן די ספירה אָן אומה,
מיר האַלטן אין זאָגן נאָר קדיש.
אַ שרעקלעכע פרישע מהומה
איז צייט פאַר אונז שטענדיק מחדש.

לאָמיר ווידער ציילן די ספירה,
ביז ענדע פון חורבן און קריעה.
ס׳וועט קומען אַ פריילעכע זמירה
ווען היטלער וועט זיין אויף דער תליה.

צו דיר מיין ציון

איך ווייס ניט צי זאָל איך זינגען,
צי אפשר הויך זיך צעוויינען.
עס האָט מיך דיין ווייַ באַצווינגען,
כ'זאָל מיין ליד מיט קרעכץ פאַראייִנען.

איך לעז דיינע נעמען, ציון:
אידן צעשלאָגען, צערויבט.
כ'האָב ניט קיין קראַפט אהין צו פליען,
איז בלייב איך צערודערט, פאַרטויבט.

כ'גלויב ניט דיינע לאָנדאָנער פריינד,
דעם אַראַב קענען דיר זיי רייַצן.
אַ זיס וואָרט מען שענקט דיר היינט
און מאָרגן דיין בלוט מעג פליִצן.

כ'האָב אַ תפילה צו דיר אין צייט,
נעמסט זיך מיט קראַפט באַמיען.
נאָר מיט קלעפּ און בלוטיקן שטרייט
וועסט זיך באַפרייען, מיין ציון.

ערב פסח

פלי מיין בענקען, שנעלער פלי,
אהין וואו איצט איז מיין געדאנק.
צו דער אלטער היים מיך ברענג,
פון מיין נשמה דאס געזאנג.

קום צו יענע וואס איך ליב,—
מיין בענקעניש צו זיי דערטראג.
איך מאל דאס בילד פון דער היים—
דעם אלטן ערב־פסח טאג.

כ׳וואלט נאך הארציק לעזן
מיין טאטנס אלטע הגדה.
כ׳פיל איצט א זיסן ווייטיק
און חלום פון גאטס גענאד.

פלי מיין בענקען, שנעלער פלי,
צו יענע כוסות פול מיט ווייַן.
א טרער פון מיינע אויגן
גיסן צו יענע אויך אריין.

סדר

ניטאָ מער אַמאָליקער פסח, —
פון חמץ און מצה און שאלה.
איצט אין אונזער חורבן און חשך
איז אַ פּיצעלע ברויט גאָר אַ מעלה.

ניטאָ מער קיין צאָל פון די כוסות—
ס׳גיסט זיך אונזער בלוט אָן אַ סדר.
אַלע אידן ברענגען צום גוסס—
האָט זיך היטלער גענומען אַ נדר.

ניטאָ קיין גלייכן צום היינטיקן מצרים,
היטלער פון דער וועלט מאַכט אַ שרפה.
מכות פאַרדינט ער כפל כפלים—
ער האָט אַ נשמה אַ טריפה.

ניטאָ נאָך אַ נייע הגדה
פון היינטיקע ליידן און קללות.
לאָמיר גלייך מיט גרויסער התמדה
בעטן גאָט אויף היטלערס מפּלות.

פסח

פסח, זע ווי דיין מאַיעסטעט
איצט האָט גאָר ניט קיין תכלית.
הער נאָר אונזער קלאָג און געבעט—
מיר ליידן נאָך פּרעהס מחלות.

די הגדה שוין לאַנג צעריסן,
יום טוב קומט פון ברעקעלעך ברויט.
מיר קענען גאָר ניט געניסן,
ניטאָ קיין מצה, פאַראַנען טויט.

צעריסן איז דעם זיידנס כאַלאַט—
צעשטערט פון פסח די סביבה.
מיר זיצן ניט גאָר אַזוי גלאַט—
דאָס פּראַוועון מיר נאָך אַ שבעה.

ס׳איז ניט קיין הא לחמא געזאַנג,
די קינדער נעבעך כליפּען.
עס הערט זיך פון איכה אַ קלאַנג—
אַ קדיש קומט פון די ליפּן.

די כוסות

ניט זאָרגט מיינע ברידער,
טרינקט אויס די פיר כוסות.
שטארקט אייערע גלידער
מיט די חרוסת.

געארבייט ווי שקלאפן
אמאָל אין מצרים.
פאר פרעהן געשאפן—
פון ערד ביז שמים.

איז משה געקומען
און באפרייט אונז פון גלות.
מיט מכות צעשוואומען
אונזער שונאס ממשלות.

געבלאָנדזשעט, געליטן,
געבויט ירושלים.
דאָרט פרוכטן געשניטן
מיט פיל גייסט און ידיים.

האָט דער נאָך אונזער לאנד
געהאַט חרבנות שתים.
און פיל לענדער מיט שאַנד
געקרענקט באש ובמיים.

נעמט זיך, ברידער, בכלל
און טרינקט כוסות לחיים.
עס רינט היטלערס גאַל,
פון מכות כפל כפלים.

אַ נייע הגדה

זעט קינדערלעך טייערע—
פסח מיר טרויערן.
זוכט אַ וועלט אַ פרייערע,
היינטיקס לאָזט ניט דויערן.

ווי פסח, אויך דאָך שבועות,
מיר פייערן זיינען ניט זוכה.
פון פרייהייט, תורה, תבואות—
אונז פאַרבליבן איז איכה.

פאַרגעסן סוכה און סכך—
מיט יענע האַרציקע לידער.
איצט בלייבט אונז חורבן אַ סך—
פאַרלאָרן שוועסטער און ברידער.

מען שלאָגט מיט אונז הושענות,
ס׳קומען נאָך מער יסורים.
אומזיסט אונזערע טענות—
ניטאָ קיין שיינער פורים.

נעמט זיך, קינדער טייערע,
לערנט די נייע מאָדע.
מיט געדאַנקען פרייערע
שאַפט אַ נייע הגדה.

שבועות

גוט יום טוב, אלטינקער שבעות,
עס פינקלט היינט נאָך דיין פנים.
קום, ברענג אונז טאַקע ישועות,
און שטראָף די ביטערע שונאים.

דו האָסט געבראַכט אונז די תורה
דעם גרעסטן מענטשלעכן חדר.
פון דאַן אָן מיר האָבן ניט מורא
פאַר שרעק און ליידן כסדר.

מיר שאַצן פון „תורה דעם תכלית
אין אַלע יאָרן פון גלות;
זי קען היילן וועלטלעכע מחלות,
און ווייזן פון גליק די התחלות.

ס'האָט זיך איר גייסטיקער ענין
צעשפּרייט אין לענדער און דורות.
פאַרברענט צוויי מאָל איז איר בנין
די קראַפט פון בלוט און עבירות.

ס'איז קלעגלעך אונזער מערכה—
פאַר לערנען ריכטיקע מידות.
מיר ווינטשן יעדן אַ ברכה,
און קריגן דערפאַר ירידות.

מיר ליידן נאָר ווי און נאָר צרות,
דאָך פאַל ניט אַראָפּ, דו, שבועות—
דו פינקלסט מיט שיינע סברות.
קום, ברענג אונז גוטע ישועות.

מאַסקירטע פּאָגראָמען

מאַסקירטע פּאָגראָמען
קומען אין שטראָמען.
און קלעפּ מיר קריגן
אין פּלעצער פאַרשידן,
און שונאים מיט נחת
אונז שלאָגן להכעס.

חברות אין פיל ערטער,
חוץ זידלען מיט ווערטער,
בערד אידישע רייסן,
הענט און פינגער בייסן,
אין גאַסן און הייפן,
און פריי זיי אַנטלויפן.

אַ סך פון די שקצים,
ווי ריכטיקע שרצים,
אַ געשלעג פאַרפירן,
אַ איד אַטאַקירן
אַ קאָפּ זיי צעשפּאַלטן,—
אַ קינד און אַן אַלטן.

אַ שפּאַס זיי אָנווענדן,
ווען אַ שול צעשענדן,
פאַרשמירן וואָס מעגלעך,
אומעדום און טעגלעך—
מאַסקירטע פּאָגראָמען
קומען און שטראָמען.

אַ תּפילה

גרויסער גאָט אין הימל,
אַ משה שיק אַ נייעם,
וואָס זאָל קענען אונז
אויף גיך באַפרייען.

כ׳וויל זזיין אַ מלאך איצט
ביי דיר וואו אויף אַ באַרג.
בעטן דו זאָלסט אויסהערן
און מיט הילף ניט זיין קאַרג.

ניט אויף דעם באַרג סיני—
גיין קריגן אַ נייע תורה
דאָס אַפילו טראַכטן
איז דאָך אַן עברה.

איך רעד פון בערג מיט טויטע
וואָס וואַקסן איצטער הויך.
גרוים און קליין צעשויבערט,
פאַרצוקט אין פייער אויך.

ווייסט דאָך, גאָט, ווי שרעקלעך
דער קלאָג איז אומעדום.
לאָז דיין מלאך קוקן
און די צרות זען אַרום.

ניט וואַרטן זאָל דער מלאך
אויף אַ משהן דולדיק.
זאָל ער באַלד באַשטראָפן
די וואָס זיינען שולדיק.

נעם זיך היילן וואונדן,
בענטש די וועלט מיט פרידן.
האָב שוין אויך רחמנות
גאָט, אויף דיינע אידן.

לאל עורך דין

לאל עורך דין—
זע אונזערע צרות און קלאָגן.
שמערץ פון יעדן מין
מיר לאַנג שוין פאַרמאָגן.

לרחם... בדין—
דער איד איצט קרעכצט.
היטלער גאָר אָן זין
נאָך אונזער בלוט לעכצט.

לאל עורך דין—
ס'גיט קיין קראַפט צו טענהן.
פון היטלערס מאַשין
מיר צעשלאָגן זיינען.

לרחם... בדין —
העלף דער פאַרביטערטער וועלט.
מענטשן געל און גרין—
שטאַרבן אין היץ און אין קעלט.

לאל עורך דין—
לאָז היטלער אונז ניט צעטרעטן.
זכות פאַר אונז געפין—
אפשר קענסט אונז נאָך רעטן.

לרחם... בדין—
קירץ אונזערע צרות.
אין ציון-פלאַץ פאַר אונז געפין—
שלאָג מיט היטלערן כפרות.

צווישן פעלקער

עם דריקט אַלץ אַ פּחד, אַ צרה
דעם אייביקן איד.
פון אַלע, די גרעסטע כפּרה
איז ער אויף מלחמה־יאַריד.

און פרעגן טאָר ער ניט: ״למאי״,
ער איז דאָך אַ איד.
צו קלעפּ מוז ער ווערן געטריי,
אים ברעכן מעג מען יעדער גליד.

ווי משה, דאַרף קומען אַ גבור,
און פירן דעם איד.
אים נעמען קיין ציון אַריבער,
ער איז דאָך שוין מיד!

און זען זאָל אַ סוף שוין פון גלות,
פון ליידן, דער איד.
ניט קלינגען זאָל מער מיט יללות
דאָס אידישע ליד.

קאָלומבוס, אָהאַיאָ

(זעקס און פערציקסטע קאַנווענשאַן פון דער
אַמעריקאַנער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע).
סעפּטעמבער, 1943.

ס'האָבן זיך אין קאָלומבוס, אָהאַיאָ
די הויפּט פירער פון ציון באַוויזן.
געדאַנקען פון הערצל און ישעיה
האָבן זיך דאָרט געטראָגן ווי ריזן.

טויזנט דעלעגאַטן מיט ענינים
האָבן אַלץ פון ציון האַרציק באַטראַכט.
כ'האָב ערנסטקייט געזען אין יעדן פּנים
אַ זאָרג און אַ האָפענונג האָט ער געבראַכט.

זיי זיינען געקומען פּראַקטיש און פרום,
געזוכט ווי באַלייכטן אונזער קאַשמאַר.
באַווייזן אַז ציונס גאַנצער תחום
קען זיכער היילן אידישן צער.

דעלעגאַטן גאָר יונגע, מיט חקירות
געזוכט האָבען אַ משיח.
מיט שטימען פון קאַמף און פון זמירות
האָט זיך דאָרטן געפילט יעדער שליח.

שנעל צו מאַכן פון ציון אוים חלום,
האָבן שטאַרקער געוועקט די חברים.
מענטשלעכע רעכט געזוכט מיט שלום,
טאַקע לעבן מיט אַלעמען ווי קרובים.

פון קאָלומבוס האָט ווייט זיך צעטראָגן
דער אידישער וויי און בטחון.
ציון אַלץ היים מיר מוזן פאַרמאָגן,
מיר זוכן ניט קיין אַנדער נצחון.

די צדקה פושקע

די פושקע איז פון א סך יאָרן
אַ טייל פון ברייטהאַרציקער צדקה.
אַזוי ווי גאַר היימלעך באַשוואָרן
האָט זי ביי אונז אַ חזקה.

זייער לאַנג זי רופט צו נחמה
דעם אידישן קרעכץ און זיין וויי.
מיט פענעם זי קוויקט די נשמה,
ווי תפילות ביי אונז אַלערליי.

זי לאָזט ניט פאַרגעסן וואו דלות,
און וועקט צו כרויט אָון מערכה.
מיט הילף איז זי פאַרטיק פאַר אַלעם,
אויף קליין געלט מאַכט זי אַ ברכה.

די פושקע פאַרלאַנגט אונז נצחון,
ארץ ישראל צו זיגן.
זי דערוועקט דאָך אונזער בטחון,
דאָרט וואָס מער נחלה צו קריגן.

פאַרגעסט ניט די פושקע, איר, אידן,
זי העלפט דאָרט וואו נייטיק.
דורך מלחמה און פרידן
זי ברענגט טרייסט צו צרות און ווייטיק.

אַ האַרץ־פרײנד

(געווידמעט שעפערד בראַד, פון מיאַמי ביטש).

אַ איד און אַ מענטש,
אַ מענטש און אַפרײנד.
בענטש אים גאָט, בענטש,—
אַלץ ער באַשײנט.

מיט האַרץ איז אַ איד,
זײן פאָלק ער פאַרשטײט.
ער ווערט ניט מיד,
אויף רעכט ער באַשטײט.

אַ פערזאָן אַ זיסער,
צו אַ שוואַכן ער הערט.
בלײבט אימער אַ פרישער
און ווײען צעשטערט.

נאָך ציון ער שטרעבט—
ער וויל אַ אידיש לאַנד.
פיל פרײד ער שעפּט
פון ישראלס פאַרבאַנד.

און שטענדיק מאַרשירט ער
מיט גײסט פאַר זײן פאָלק.
אַ ציון־דיסטריקט פירט ער
מיט ערנסט און טאָלק.

ראש השנה

און ווידער צום ניי־יאָר מיר גרייטן
צו דיר זיך, געשיכטע, מיט תפילה.
מען זאָל שוין דאָ אויפהערן טייטן
אונז אידן, ווי שעפסעלעך שטילע.

עס טראָגט זיך צו דיר יעדע תפילה
אצינד, ווי פון א ביטער געקלאַנג.
ניטאָ דאָך קיין אידישע קהילה,
וואו מע לעבט אָן טרערן, אָן באַנג.

פאַרנעם זשע, אָ צייט, אונזער תפילה,
גיב אונז באַלד אייגענע ערד.
ניט לאָז אונז נאָך ווייטער, חלילה,
ליידן פון הונגער און שווערד.

נעם מאַך שוין אין דעם ראש השנה
א סוף פון דעם בלוטיקן שטורעם.
און זאָל שוין די וועלט, מיט כונה
זיך היילן פון אירע יסורים.

דערוואַך, ישׂראל

דערוואַך שוין, ישׂראל,
מיט דיין אמתן כוח.
זאָל וועלט זיין נתפעל
פון דיין האַרץ און מוח.

יעדער בלאַט פון דיין גלות
האָט אַ באַזונדערע גזירה.
באַקעמפט האָסטו קללות
מיט דיין גוף און דיין תורה.

ס'האָבן וועלטס בהלות
געבראַכט דיר פיל צרות.
לסוף אָבער מפלות
פאַר דיינע פיינטלעכע שררות.

ניט פאַרליר דיין בטחון,
ציון האָט גרייט דיין ברכה.
נאָענט איז אַ נצחון
פאַר דיין געפּלאָגטער משפחה.

פורים

הײַנט, קינדער, איז דאָך פּורים,—
לאָמיר טאַנצן נאָך אַנאַנד.
מיט געלעכטער מאַכט אַ שטורעם,
יעדן המן ברענגט צו שאַנד.

נאָך מער שטאַרקער מאַכט דעם טאַנץ,
צעטרײַבט די זיפֿצן-שטראָמען.
אונזער צוקונפֿט קומט מיט גלאַנץ,—
פֿאַלן וועט היטלער-המן.

זײַט אין טאַנצן גוט פֿאַרטיפֿט—
ווי מענטשן פֿרײלעך, קלוגע.
טאַקע מערער נאָך געשטיפֿט—
היטלער באַלד וועט זײַן משוגע.

גײַסטיק האַלט-זשע יעדן טראָט,
גיט מיט לעבן נאָך אַ טאַנץ.
יעדער המן קומט צו שפּאָט—
און ישראליק קריגט אַ קראַנץ.

כאַפּט זיך, קינדערלעך, אַרום —
מיט דעם טאַנץ לחיים טרינקט.
יעדער המן ווערט דאָך שטום—
אין אַ בלאָטע ענדלעך זינקט.

ניט וואַרט

הער אויף צו וואַרטן, דו, איד,
אַך, זאָג ניט אַז דו ביסט שוין מיד.
מאַך דייטלעך דיין שמערץ און וויי—
און פאָדער מיט דיין האַרצם געשריי,—
צוריק דיין אייגענע היים.
פאַרווירקלעך דיין טרוים.

נו טאַקע, זע נאָר, דו איד,
ביזט דאָך שטענדיק אויף קריגס יאַריד.
פאַרבלייב ניט תמיד צעקלאַפּט,
לאָז ניט דיין בלוט זיין געצאַפּט.
דיין שמערץ זע נאָר צו היילן—
צעשטער די שטענדיקע גרוילן.

נעם טראַכט, דו, אייביקער איד,
דו האָסט דאָך שוין קיין גאַנצן גליד.
לענדער גרייטן אַ בונד—
קום און באַווייז זיי דיין וואונד.
און אויב מען שאַפט וועלטס פרידן—
אַך, לאָז ניט פאַרגעסן די אידן.

זע נאָר, דו היינטיקער איד,
דיין בלוט אין דיר לאַנג שוין דאָך זידט.
פאַרענדיק איצטער דיין פיבער,
נעם זיך קעמפן ווי אַ גיבור,
און באַקום דיין מערכה
אַט ווי נאָך באַלפורס הבטחה.

הונדערט טויזענט

״א הונדערט טויזנט אידן״
איך הער ווי ס׳האַלט אין קלינגען.
מיין בלוט אין מיר נעמט זידן,
מיר ווילט זיך וויינען און זינגען.

״הונדערט טויזנט״—קומט א באַריכט,
נאָך ציון מעג גיין זיך היילן,
זיי ווייזט זיך אַ שטראָם פון ליכט
נאָך די בלוטיקע גרווילן.

ווי עס זאָל פון מזל אונז זיין באַשערט,
מען טרייסט הונדערט, טויזנט אידן.
דאָך ציון איז נאָך היינט געשטערט
אַלץ אונזער לאַנד פון פרידן.

אַך, הונדערט טויזנט אידן!
געשיכטע וועט אייך דערמאָנען.
מיין האָפענונג נעמט אין מיר זידן—
שאַפן ציון וועט איר דאָך קאָנען.

פאַרוואָס איך קלאָג

אָך, מיין פאָלק, ביזט לאַנג פאַרביטערט—
פון דיין פייער־צושטאַנד איך האָב אַ באַגריף.
דיך האָט געשיכטע דערציטערט
און פאַרוואָגעלט ווייט און טיף.

האָסט אויסגעוויינט דיינע טרערן—
איצט נאָר בלוט האַלטסטו אין גיסן.
ביי מיין ליד איך קען דיר שווערן,—
כ׳זוך אַ טרייסט פאַר דיין געניסן.

איך בענק מיט דיר נאָך אונזער היים,
שוין לאַנג באַצויבערט מיך דיין גייסט.
איך וועק צום לעבן אונזער טרוים,
אָך, אהין מיין הארץ זיך רייסט.

און נעם איך צו דיר זינגען,
מיט אַ נשמה היים און מוטיק,
גלייך נעמט דיין וויי מיר קלינגען,
איך זעה ווי דו ביזט צעבלוטיקט.

מיין פאָלק, מוסטער פון פאַרניכטונג—
אין אלע עקן ביזט דערשלאָגן.
כ׳האָב דערווייל קיין אַנדער דיכטונג
אַ חוץ זיך צו באַקלאָגן.

וועסט טריאומפירן

ישראל, ניט לאָז דו זאָלסט פאַרשווינדן!
איצט, ווען צעברעקלט אין ווייען,
זאָל דיין נשמה זיך אָנצינדן.
מיט מוט, מיט קראַפט און געשרייען.

דיר איז דאָך גאָר ניט געבליבן,
צו אַ קאַמף ביסטו געצוואונגן,
פון אומעדום שוין צעטריבן,
פון צרות געגנוג פאַרשלונגן.

דורך אַלע וועלטס קריגערייען
צעדריקט ביסט געווען אָן בושה.
קוים געקענט קלאָגן און שרייען,
דיין אַלטע, איינציקע ירושה.

ציון אַלץ היים איצט מוז מען שאַפן,
נאָר דאָרט דיין זעל קען זיך שפּרייטן.
אומעדום בלייבט דיר צו שקלאַפן,
אָדער גאָר זיך צו טייטן.

ווייז ווי מעכטיק דו ביזט געלאָדן,
ציונס טיר לאָז ניט פאַרמאַכן.
גענוג זיך אין בלוט געבאָדן,
אין דער פרעמד ניט לאָז מער שמאַכן.

אָך, ישראל, דו מוזט טריאומפירן!—
דיין הונגער־סטרייק קען דאָס איצט מעלדן.
דיין לאַנד וועסטו באַלד שוין באַצירן—
האָסט שטענדיק געהאַט דיינע העלדן.

(1946)

די הגנה

דו צעטרייבסט דאָס ביטער געמיט
פון אידן אין אַלע עקן.
אַך, שטראַלן פון ליכט אונז באַהיט,
צעוואַש די בלוטיקע פלעקן.

פאַרבלייב איצט אויף שטענדיק דערוואַכט,
העלף דיין פאָלק אין דיין נצחון.
ישראל ניט לאָז מער פאַרשמאַכט,
דו דערמוטיקסט זיין בטחון.

קום מיט דיין בראַנדיקן צאָרן,
ניט לאָז מער פליקן אידישע בערד.
מיט קראַפט דו בלייב פאַרשוואָרן,
העכר דערקלער דיין גייסט און דיין שווערד.

גענוג געווען שוין אין גלות,
נעם העלפן אונז זיך דערלייזן.
געדענק די אַלע מפלות
פון יעדן שונא דעם בייזן.

הייל אונזער אייביקע מחלה,
טאַקע מיט כוח אויף ריכטיק.
זע, אונזער הייליקע נחלה
ווי שטענדיק בלייבט דאָך אונז וויכטיק.

צו ענגלאַנד

(ווען זי האָט אַטאַקירט די אידן אין ארץ־ישראל,
יולי, 1946).

נו, ענגלאַנד, באַלעקסט דיינע פינגער,—
אַט וויינען אידישע קינדער.
מסתמא פילסטו גרינגער,
נאָך דיין איצטיקן ווילדן פּלינדער.

האָסט אונז אין אונזער אַלטן פאָטערלאַנד
אָן חרפּה גענומען שלאָגן.
דיך קימערט ניט דיין ביטערע שאַנד,
קיין געוויסן קען דיך ניט פּלאָגן.

מיר האָבן לאַנג דיר פאַרשוויגן,
אומזיסט דיר אַזוי פיל געגלויבט.
דו קענסט אונז מער ניט פאַרוויגן,
שוין צופיל אונז גענאַרט און באַרויבט.

ס'האָט אידישע רעכט זיך דערוואַכט
און וועט ניט זיין מערער איינזאַם.
דו וועסט פון געשיכטע זיין אויסגעלאַכט,
דיין סוף וועט זיין אַזוי גרויזאַם.

מיט ווייען האָסטו אונז געשונדן,—
געמאַכט אידיש בלוט צו שרייען.
אָבער, האָסט אונזער מוט געצונדן,
אין קאַמף מיר וועלן פון דיר זיך באַפרייען.

6

מלחמה

מלחמה

מענטש, חיה פון נאָגן און פלאָגן,
שאַפסט איצט נחמה־נקמה.
אָן שאַנד מאַכסטו קלאָגן דורך שלאָגן,
טויט איז דיין נשמה־נחמה.

דו הערסט דעם ווײ פון געשריי
און מאַכסט די וואונדן געצונדן.
מיט שמערץ ווערסטו גרוי פון דיין ווײ,
דו קרעכצסט שטונדן פון וואונדן.

דו מענטש, דורך פלוטן גיסט בלוטן,
און זוכסט ווי רויבן דערהויבן.
צערייסט דעם גוטן דורך פלוטן,
און קענסט נאָר גלויבן פאַרטויבן.

מיט גוואַלד צעשטערסטו שטאָט נאָך שטאָט.
דיין היים אין צאָרן איז פאַרלאָרן.
פאַרטרייבסט דיין גאָט פון געבאָט,
ליבע איז פאַרגראָבן געוואָרן.

קנועלסט וואָס דו ברעכסט לאַנד נאָך לאַנד,
ווירקסט און ברענגסט פייער צו פייער.
דערקלערסט דיין שאַנד אין פאַרבאַנד,
צעברעכסט וואָס פרייער און טרייער.

מענטש, האָסט דיין שכן צעשטאָכן!
אָך, ברענען נאָך פיל איז דיין ציל.
דיין פוסטער נצחון איז צעבראָכן —
טויט איז דיין ציל און געפיל.

פרידן

הייזער, שולן
מענטשן רייסן, ברענען.
שיסן, קוילען,
ווי נאַר ווילדע קענען.

בלוט צו פאַרגיסן,
איז ביי זיי אַ פרייער טאַט.
אַלץ צעריסן,
חיה־ מענטש נאָך ניט זאַט.

„אַ סך צעשלאָגן"—
האָט ער שטאַרק זיך באַרימט,
מערער פלאָגן.
האָט ער האַרצלאָז באַשטימט.

ערגעץ ווייט מיך ציט,
פרידן איז מיין רצון.
מיין בלוט אין מיר גליט—
פרידן זאָל שוין שפּראָצן.

קום שוין, דו טאָג—

אָך, קום שוין, קום שוין, דו טאָג,
די נאַכט איז צופיל פאַרצויגן,
קראַנקע,—הער וואָס איך זאָג,—
ליגן, געבראָכן, געבויגן.

ווי ברוגז, טאָג, ביסטו אַוועק,
האָסט צעשפּרייט טרויער פלאַקאַטן.
דער שׂטן האָט געוויזן זיין צוועק,
צו נוצן מלחמה-הארמאַטן.

ס'ווערן וואָלקנס נאָך שווערער—
עס פילט זיך הונגער און נויט.
צרות קומען נאָך מערער—
פון בלוט ווערט אַלצדינג שוין רויט.

אָך, קום שוין טאָג, ברענג דיין ליכט,
מיט שטאָלץ פאַרטרייב שוין די נאַכט.
נעם אָן אַ הייליקע פליכט—
וואָלסט בעסער פרידן געבראַכט.

איילן זיך מענטשן

פליען מענטשן, שטענדיק איילן,
זוכן מאַכט אַלץ זייער גליק.
וואָס אַליין געבויט, אַליין זיי ברעכען,
אייביק זעלנער אין אַ קריג.

פליען מענטשן, אַלטע, יונגע,
טרוימער האָפן מיט זיי אויך.
אין דעם שטרעבן און דעם שאפן—
באַלד פאַרניכטן איז דער תוך.

פליען מענטשן, מיט זיי שאָטנס,
חורבן ווערט פון אַלץ וואָס רייך.
ווי נאָר שטראַלן זיך באַווייזן,
מענטשן טרייבן זיי דאָך אויך.

פליען מענטשן הויך און העכער,
שלאָגן זיך ווי ריזן,
טרינקען פרעמדע בלוט אַ בעכער—
דאָס בלוט וואָס רינט פון שפּיזן.

פליען שטאַרקע, פויזען שוואַכע,
ווי נאָר וועמען איז באַשערט.
פליען מענטשן, נעמען ראַכע,—
ביז אַלצדינג ווערט צעשטערט.

פליען דורות, ענדלעך פאַלן—
יעדער איינער זוכט נחמה.
די וואָס קלאָגן, די וואָס שאַלן—
ביז עס קומט מלחמה.

הער אויף צו טייטן.

עס בלוטיקט די וועלט,
פון רעכט וויל ניט טראַכטן.
געוויסן איר פעלט,
זי רופט צום פאַראַכטן.

האָסט פאַרגעסן די צייטן
פון פרילינג און זומער.
אויף אַלע זייטן
הערשט טרויער און קומער.

מענטשן מאַרשירן
אויף בערג און אויף טאָלן.
אין קעלט צעפרירן,
אין וואַסער געשאָוולן.

די ימען ברייטע
באַהערשט פון קאַנאָנען.
וואָס מער טויטע—
פאַרשפרייטן קאַנען.

דורך לופט ווי שטראַלן,
מאַשינען פליען.
מענטשן צעפאַלן,
זיך שטיקן און גליען.

צרות און ווייטיק
הער אויף, צייט, צו פאַרשפרייטן.
לאַנג געווען נויטיק
צו אויפהערן טויטן.

חיות

אויף דער וועלט אסך מענטשן
האָט דער דייטש און יאַפּאַנער צעשונדן.
גאָט, מיר וועלן דיך בענטשן
ווען דו היילסט באַלד אונדז די וואונדן.

דער דייטש איז אַ חיה,
באַרימט אין שלאָגן און שיסן.
קיין טרער אויף זיין לויה
וועט קיינער ניט פאַרגיסן.

דער דייטש און יאַפּאַנער אונגליק שפּרייטן,
אויף אידן זיינען זיי גרויסע בעלנים.
קינדער און פרויען זיי טייטן,
זיי זיינען פון דער מענשהייט די שונאים.

זיי האָבן באַשאַפן וועלט-בהלות.
זיי זוכן נאָר ממשלה.
מיר ווינטשן זיי אַלע קללות.
שוין צייט עס זאָל קומען אויף זיי אַ מפּלה.

דער מוסאָליני-וואָרים
איז אַוועק פון דער חיה-סביבה.
צעלייג זיי, גאָט, אין קברים—
אַ יום טוב וועט זיין אַנשטאָט שבעה.

ניט זינג

ניט זינג, ניט זינג,
קראַנקע נשמה.
ניט קלינג, ניט קלינג,—
ס׳גיט קיין נחמה.

ניט לויף, ניט לויף
אַבי נאָר וואוהין,
אין הויז, אין הויף —
צעמישט איז דער זין.

ניט פלי, ניט פלי,
ווי ביז איצט אומזיסט.
נעם זיך מיט מי—
העלף אַלץ וואָס איז וויסט.

בעסער בליטץ, בליטץ,
צעפלאַמט איז די צייט.
דו שטיץ און שטיץ
די שוואַכע מיט שטרייט.

נעם קלאַג און קלאַג,
קראַנקע נשמה,
און דער וועלט זאָג: —
"ענדיק די מלחמה".

צום שפּעטער

קום, טייערער "שפּעטער"—
לאָז זיך באַקאַנען מיט "איצט".
ביסט דער איינציקער רעטער
פון דעם היינט וואָס זאָרגט און שטירצט.

קענסט נאָך טאַקע דולדן
די איצטיקע קלאָג־געשרייען?
זיי מוחל אונז די שולדן,
קום, צעטרייב שוין אונזערע ווייען.

דער לעבענס־גייסט ווערט פאַרשוואונדן,
עס קרעכצט שוין דער באָדן.
ביסט דאָך ניט געבונדן—
קום גלייך, וועסט ניט ברענגען קיין שאָדן.

אויף וואַסער, לופט און לאַנד—
אַלץ האַלט שוין ביים פאַרניכטן.
אָך, "שפּעטער", עס איז אַ שאַנד,
וואָס איילסטו ניט צו פאַררריכטן.

קום שנעלער אַהער,
דו צווייפעלדיקער "שפּעטער".
ברענג מיט זיך דאָס געווער
פון אַן אמתן רעטער.

דאָס דריידל

איך דריידל זיך פון דערנידער ביז הויך,
איך ברעך און ברען אַלץ וואָס הייליק און טייער.
איך צעפילדער וועלט ביז רויך—
איך טאַנץ אַ דריידל פון פייער.

מענטשן יאָגן זיך, טרייבן,
שלעפן זיך אָן אַ ציל.
נאָר פרישע צרות זיי קלייבן —
איך, דריידל האָב זיי נאָך פיל.

לעש ניט, מענטש וואָס עס ברענט,
מער שרפות כ'פאַרשפּרייט.
איך שמעטער דיינע היימען־ווענט,
איך וועל דיר געבן טויט.

איך קען היינט, פריי שיסן
טאַקע אין יעדן אָרט.
האָ, זאָל מער בלוט זיך גיסן,
איך, דריידל, האָב דאָס וואָרט!

איך שנייד פלייש מיט אייזן,
איך טראַכט ניט וואָס עמיצן איז שלעכט.
ביליק זיינען מענטשן־פרייזן—
איך, דריידל, האָב די רעכט.

היי, רעד ניט פון געפילן!
איך טרינק, צעברעך, צעשטער.
מיט מתים נאָר צו שפּילן
מיר איז אַ האָר ניט שווער.

צו רוסלאַנד

רוסלאַנד גרויסע, דיין קאַמף
אַרום זיך גיב היינט ניט אויף.
שווערער מאַכט מען דיין וועג—
האַלט דיין קאָפּ מיט שטאָלץ אַרויף.

ביטער געווען איז דיין קריג
פאַר פרייהייט אין דיין אייגענער היים.
וואונדערבאַר געווען איז דיין זיג—
ציטערט שוין דיין שונא איצט.

אַלע הערשער פון דער וועלט
ווינטשן שטאַרק דיך צו דריקן.
נאָר מיט פראַזן און מיט געלט
זיי ווילן דיך דערשטיקן.

מען זוכט פון אַלע זייטן
אויף דאָס ניי דיך צו פאַרשקלאַפן.
דו דאַרפסט זיך גאָר ניט בייטן:
די פרייהייט האַלסטו אין שאַפן.

מיט פרידן זיי פּרובירן
איצט דיך אפשר פאַרנאַרן.
דיין העדלישער מאַרשירן
מוז שלאָגן די באַרבאַרן.

געשיכטע וועט דערציילן
דיין קאַמף און דיינע זיגן.
דו האָסט נאָך פיל צו היילן...
די וועלט איז באַשמירט מיט ליגן.

מאַרשיר איצט אויף יעדער זייט!
באַקעמפף די שוואַרצע ריטער.
מלחמה שרעקט די צייט —
מאַרשיר אָן באַנג, אָן ציטער.

מערץ 1940

צו סטאַלינגראַד

דיין טייל אין דער מלחמה
געשפּילט האָסטו אַזוי ריכטיק.
דיין קראַפט און נאמנה
האָט געראַטעוועט וואָס ליכטיק.

דעם שונא טראָט נאָך טראָט
האָסטו מיט דיין בלוט פאַרטריבן.
איצט זעט די וועלט און גאָט
דורך דיר דיין לאַנד איז פריי געבליבן.

האָסט דער חיה-היטלער
צו פאַרניכטן אָנגעפאַנגן.
געוועקט וועלטס פאַרמיטלער
זען דיין מוטערס-ערד פאַרלאַנגען.

האָסט מוט אַ סך געשאַפן,
און געהיילט די וואונדן.
מענטשהייטס אָרעמע שקלאַפן
מיט דיין לאַנד האָסטו ענטבונדן.

צו טשערניכאָווסקים טויט

ביזט פאַרדעקט, דיין אַרמיי אָבער גייט
און גלאַנצט נאָך אין פילע זיגן.
דיין גרויסקייט האָט זיך ווייט צעשפּרייט
און איצט לעבן דיר בלומען ליגן.

האָסט מיט לייב און זעל דיין קאַמף געמאַכט
דעם שונא האָסטו מיט גייסט פאַרטויבט.
מוט האָט באַהערשט דיין יעדן שלאַכט,
דיין יוגנט בלייבט דאָך שטאַרק געלויבט.

אַלע וואָס וויסן באַהויפּטן:
דו ביסט אַ העלד פון די סאָוויעטן.
האָסט געטרייסט דעם פאָלק, דעם צערויבטן,
ער האָט פאַר דיר גאָט געבעטן.

מענטש, פאַר מענטשהייט ביסט געשטאָרבן
ווערסט זיין געשעצט א סך יאָרן.
און דער איד פון אַלץ דער קרבן,
וועט דיך לאַנג האַלטן אין זכרון.

אידישע שטעט אין גרויסער שרפה
האָסטו באַפרייט ווי אַ משיח.
צו פאַרניכטן די דייטשע טרפה
ביזסט געווען אַ גוטער שליח.

סאָוויעטן לעבן בערלין

זייט באַגריסט, רוסישע גענעראַלן!
די וועלט בענטש אייערע סאָוויעטן.
און פעלקער מיט פויקן שאַלן,
פאַר אייער געזונט גאָט זיי בעטן.

איר זייט דאָך איינראָפּעס באַפרייער,
עס דערקוויקט יעדן אייער מאַרשירן.
איר זייט דער וועלט זייער טייער—
איר מאַכט פון טרערן זעפירן.

ערלעך איר קומט צו בערלינס שטיגן —
די שטאָט פון וועלכע יסורים עס שטאַמען.
עס וואַרט די וועלט צו זען אייערע זיגן,
וואַרט צו זען בערלין אין פלאַמען.

עס טראָגט אייך אַ הייליקער כוח
נאַצים אין גאַנצן פאַרניכטן.
עס טראַכט פון אייך וועלטלעכער מוח
אַלץ דערלייזער פון אַלע שיכטן.

לייענט די אַלט-נייע מגילה,
ווי מיר אידען זיינען צעבראָכן.
מיר קומען מיט אַ האַרציקער תפילה
פאַר אַ רואיקער היים און בטחון.

צו רוזוועלטס טויט
(אפריל 1945)

רוזוועלט גרויסער, טאטע הייסער,
א סך דערוואַרבן, צו פרי געשטאָרבן.

דו ביסט געקומען און פיל באַנומען.
געפירט דיין לאַנד מיט גרויס פאַרשטאַנד.

מיט קלאָרן זינען א סך טערמינען.
ביסט געקומען,—שלעכטס געפונען:

א הונגער ברייט, האָט זיך אין לאַנד געשפּרייט.
האָסט שפּייז געקראָגן פאַר דעם מאָגן.

געוואָלט באַזאָרגן האָסטו דעם מאָרגן.
האָסט יתום און אַלמנה פאַרהיט פון סכנה.

געמאַכט אַפירונג אין דיין רעגירונג—
און אין וועלט-קריג געזוכט א זיג.

האָסט פאַר אַלץ געגעבן דיין גאַנצען לעבן.
סטאַלין-טשוירטשיל ביז צום וואָרצל.

געזען נאָך און ווידער ביז היטלערס נידער.
עס קומט דיין זיג צום שלום פון קריג—

האָסט פיל דערוואָרבן,
גאָר פרי געשטאָרבן.

אַ פּאָטערס בריוו אין 1943

(פון ערגעץ אין פּוילן, צו זיין זון אין אַמעריקע).

שלמהלע, ווי פון אַ חלום
מוז איך מיין האַרץ דיר אויסרעדן.
הלואי איז ביי אייך שוין דאָרטן שלום—
און דו כאַטש לעבסט באַשיידן.

איי, וויי... מיין זונעלע, שלמה,
אפשר האָסטו געהערט פון דאַנען.
דער היטלער וואָס וואַרפט אַן אימה,
איז שוין לאַנג ביי אונדז דאָ פאַראַנען.

געהאַט אונז פאַרשפּאַרט אונטער דראָטן,
פאַרפּלאָנטערט , פאַרהאַפּט אין אַ צאַם.
אַט גאָר אַזוי ווי אַ שאָטן
בין איך מיר אַנטלאָפן פון פּלאַם.

געשלעפּט זיך אין גרויסער סכנה
כ׳האָב אונזער שטעטל געזוכט.
גראָדע געווען די לבנה,
געזען, ווי אַלץ איז פאַרפלוכט.

יע, שלמה, אַלץ איז צעבראָכן,
פרישינקע בלוט איבערן שטאָט.
פּיצעלעך קינדער צעשטאָכן,
אַלץ איז פון היטלערס געבאָט.

רבי הירשן געזען אויף אַ תליה,
אַ דייטש האָט פאַרשמוצט די ספרים.
איך האָב ניט געהאַט קיין מניעה—
געוויינט נאָך פילע נפטרים.

די שול איז אַוועק מיט רויך—
איי, וואָס פאַר אַ גרויסער גזר!
אונזער שטיבל... צעפאַלן איז אויך...
ניטאָ וועמען עס זאָל פאַרדריסן מיין צער.

איך בין אַוועק צום אַלטן וואַסיל,
אים שמאַטעס פאַריכטן איך העלף.
און ערגעץ אַוועקגיין איך וויל,
די דייטשן דאָ זיינען ווי וועלף.

ווײ מיר, די קינדער פאַרשוואונדן...
כ׳ווייס ניט אויב ערגעץ זיי לעבן.
די מאַמע געשטאָרבן פון וואונדן,
איצט טרייבט מען אין עקן אַלע.

מעגסט שוין נאָך איר אַ נאָמען געבן.
עס איז ביים שונא ווי אַ נדר.
אויף קידוש ניטאָ קיין ברעקל חלה—
איך דאַרף מיר בעטלן כסדר.

כ׳ווייס ניט צו לויפן, צו גיין—
עס העלפט ניט פרעגן קיין עצה.
מיט מיין גאַנצער נשמה איך וויין—
ניטאָ קיין ברויט פאַר המוציא.

אָך, שלמה, כ׳קען מער ניט קלאָגן...
צעבראָכן איז מיין יעדער אבר.
ניטאָ דאָך וועמען צו זאָגן,—
איך וויל כאָטש אַ אידישן קבר.

צו מוסאליני

(ענדע יולי 1943)

מוסאָליני
אין תפיסה.
אַלטער גיני—
עס קומט דיין מיתה.

יאָרן צוואַנציק,
ביז דער וואָך
האָט דיין קאַנטשיק
פאַרשפּרייט יאָך.

דיין גאַנץ לאַנד
האָסטו צעקרענקט.
נאָך נאַפּאָליאָנס קרוין
האָט דיר זיך געבענקט.

מער פאַרכאַפּן
האָסטו זיך געמאָלן.
פון דיין צאַפּן
האָסטו געקוואָלן.

האָסט זיך אָנגעשלאָסן
אין היטלערס חדר.
מיט וואָרט געשאָסן
האָסטו כסדר.

פּראַזן קנאַקן,
פּוסטע מאָסן,
קעפּ פלעגסטו האַקן
און געשאָסן.

אידען שלאָגן
גרינג אַזוי.
מעגסט שוין קלאָגן—
דו הענגסט מיט ווײ.

וועלטס בהלה
גייט נאָך אָן.
דיין מפּלה
איז אויבן אָן.

היטלערס סוף

(אפּריל 1945)

משוגענער היטלער,
ס'איז געקומען דיין סוף.
דו בעטלסט פאַרמיטלער
צו מאַכן גרינגער דיין שטראָף.

אין לענדער געפלויגן,
ווי אַ העלד אין אַ בליץ.
נאָר דו ווילסט זיך שוין ליגן
און באַקומען די שמיץ.

האָסט געריסן, געבראָכן,
פון בלוט געמאַכט קוואַלן,
ביסט ענדלעך צעקראָכן—
די וועלט נעמט שוין שאַלן.

דיין לאַנד וועט מען רייסן,
ווי דו פלעגסט די קינדער.
דיך וועט מען שמייסן,
דיך, דו, הויט-שינדער.

דו, בלוטיקע, חיה—
מאַרך-בלוט האָסטו געזויגן,
מיט הינט וועט מען דיך לייגן,
אנשטאָט אַ לויה.

צו סאַן פראַנציסקאָ

(מאי 1945)

הער אונז, סאַן פראַנציסקאָ גרויסע—
די גאַנצע וועלט פון דיר איצט רעדט.
פעלקער ווייזטו קבלות הייסע—
נאָר צום אידן האָסטו זיך ניט צוגעהערט.

דו האָסט דיינע הענט אויסגעשטרעקט—
ווילסט שטיצן וועלטלעכן פרידן.
נאָר מיין פאָלק וואַרפסטו אַוועק,
אונז, די אייביק געפּלאָגטע אידן.

אָבער דו קענסט אונז ניט אויסמיידן,
ווי די וועלט אונזער גלויבן.
מיר וועלן באַקעמפן אונזערע ליידן—
אונזער רעכט, דו קענסט ניט פאַרטויבן.

דו וועסט ניט זיין דאָך קורצזיכטיק
און אידישע וואונדן ניט היילן?
פעלקער וואָס זיינען צו אונז ניט ריכטיק
וועלן אליין ליידן פון גרוילן.

נעם, רוף פון אונז אויך אַ שליח
אונזער בלוט באַגיסט אַלע וועגן.
זאָל ציון,—אונזער משיח—
באַלד ווערן, אַ אידישער פאַרמעגן.

צום הימעל

איך שווער דיר, הימל ברייטער,—
איך האָב אין דיר בטחון.
אַנשטאָט דער ערד דער צעדרייטער
כ׳וואָלט ביי דיר זיין אַ שכן.

נאָך דיין בלויקייט איך בענק שוין לאַנג,
דו האָסט דאָך ניט קיינע קריגן.
מיך ציט דיין פרייד און באַנג —
פון דיין ליכט ווערט מיין זאָרג אַנטשוויגן.

דער טאָג איז דאָך אין שטורעם—
אָך, לאָז מיך ניט אויפוועקן.
דאָרט ברענגט די צייט יסורים,—
אַ חובן אין אַלע עקן.

אפשר צו דיינע שטערן.
מיין קומען קענסטו דערלויבן.
כ׳וואָלט מער קיין קרעכץ ניט הערן,—
פון קריג זיך ניט פאַרטויבן.

7

פֿון פֿאָלק

לידער

פון אייביק מענטשן זינגען
מיט ווערטער און מיט קלאַנג.
זיי קענען מיט לידער דרינגען
די וועלט פון פרייד און באַנג.

אַלע פייגל אין דער הויך
זיך מיט לידער טיילען.
וועלדער, פעלדער זינגען אויך,
סודות זיי דערציילן.

ימען זינגען ווייט און טיף,
און לופט גיסן קלאַנגען.
מיט אַ קראַפט און מיט אַ שטיף
רוישן זיי געזאַנגען.

יעדע בלום האָט אַ ליד,
עס זינגען גראָזן, בלעטער.
אַמאָל פון אַ שטורעם-מיד—
זינגען פריער, שפּעטער.

און האַרציק זינגט דאָס לעבונג
פאַרמאָגט לידער קוואַלן.
דער מענטש באַזינגט זיין שטרעבונג,
לידלט ליבעם שטראַלן.

זאָרג ניט, מענטש, ווען ליד איז צייטיק,
באַזינג די וואָכן, יאָרן.
לידער שטענדיק קומען געלייטערט
צום לעבן פאַרשוואָרן.

כייקע

כייקע אין שאָפּ איז געלאָפן
חלילה שפּעט ניט צו קומען.
נעכטן ניט צופּיל געשלאָפן
הירשל האָט איר "אויסגענומען".

שפּרינגט אַרויף עטלעכע שטיגן,
צו דער מאַשין זי גיט זיך אַ כאַפּ.
קליידלעך זי שטעפּט מיט אַ ניגון—
גאַנץ לוסטיק זי אַרבעט אין שאַפּ.

פאַמעלעך אַרום זיך געשמאַכט,
פון באָסעס טאָג טעגלעך געיאָגט.
מיט צווייפל איר צוקונפט באַטראַכט
און באַלד איר חן ניט פאַרמאָגט.

רואיק געאַרבעט די יאָרן,
הירשל איז ערגעץ פאַרשוואונדן.
חייקע איז עלטער געוואָרן,
אין האַרץ געפילט טיפע וואונדן.

ביי דער מאַשין אַלץ נאָך געבויגן,—
עס לאָזט זיך מער שוין ניט זינגען.
קנייטשן האָבן דעם פּנים פאַרצויגן,
אָפט איר געוויין הערט זיך קלינגען.

אליעזר

אין דער היים איז געווען
אַ בעל הבית אַ איד.
פון תורה גענעזן —
און אָפּט געהערט דאָס וואָרט זשיד.

האָבן גויים מיט אַמאָל
צערויבט אידיש פאַרמעגן.
האָבן פרויען געוויינט אויפן קול
און אויף חורבות געלעגן.

איז ער קיין ניו יאָרק אַנטלאָפן,
און האָט זיך מיט לאַנדסלייט בּאַראַטן.
דערציילט האַרציק און אָפן
ער זוכט ניט קיין גאָלד אין די שטאַטן.

האָט אַ פּושקאַרט געקראָגן
באַקאַנט זיך מיט נייע מזלות.
געשפּאַנט זיך אין וואָגען—
דערפילט זיך ווי אין גלות.

געמוזט דאָס וועגל שלעפּן —
געהאַט פון אינגלעך צרות:
מיט שפּאָס געזוכט אים טשעפּען—
מיט זיין באָרד געשלאָגן כפרות.

הער, מיין קינד

דו הער, מיין קינד,
איך האָב דיך ליב.
אַט זיץ אַצינד
מיט מיר אין שטוב.

ניט לויף, מיין קינד,
הער וואָס איך זאָג.
ביסט אַלץ מיין קינד
וואָס איך פאַרמאָג.

איך האָב נאָר דיך
מער גאָר קיין זאַך.
עס אַרט דאָך מיר
פאַר דיר אַסך.

ניט גיי צופיל
מיט ראָזעלען.
זי ליבט דאָך שטיל
דיין פריינד, מאָזעלען.

דו זע זיך אָפּט
מיט הערשינקע.
ער איז אָנגעשטאָפּט
אין קעשינקע.

צו אים בעסער גיי—
אים ברענג אַהער.
איך וועל אייך צוויי
ליבן נאָך מער.

טאָכטערקע מיינע

טאָכטערקע מיינע,
דו זיי ניט פאַרשמאַכט.
פון מענדלען, טאַקע,
דו בעסער ניט טראַכט.

פאַרגעס זיך אָן אים,
ניט זיי צו אים גוט.
גאָר גיך פאַרגאָסן
האָט ער דיין בלוט.

ביסט אַ יתומה,
פאַר קיינעם געדאַכט.
ער האָט דיך טאַקע
צו שאַנדע געבראַכט.

געזאָגט ער ליבט דיך
האָט ער דאָך אונז דאָן.
וויל גאָר ניט וויסן
וועגן נדן.

סאָרקע געקומען
מיט געלט גאַנץ היבש.
אַוועק צו איר גלייך
אָן אַ פּיפּס.

פאַרגעס זיך אויף אים,
ניט פאַל ביי זיך אַראָפּ.
זאָל ער מיט סאָרקען
זיך פאַרדרייען זיין קאָפּ.

הער נאָר פּאָטער

הער נאָר, פּאָטער, זאָג מיר ליבער,
פאַרוואָס מיר האָבן קוים אויף ברויט.
פאַרוואָס די מאַמע שטענדיק וויינט
און דו רעדסט בלויז פון דעם טויט?

זאָג מיר, פּאָטער, זאָג מיר ליבער,
פאַרוואָס שוין לאַנג איך באָרוועס גיי.
פאַרוואָס זינגסטו ניט קיין לידער,
חוץ — "אַך, דאָס האַרץ טוט מיר וויי" ?

זאָג מיר, פּאָטער, ענטפער מיר,
פאַרוואָס שטענדיק שפּייסט און הוסט.
פאַרוואָס דו קושט מיך ניט אַמאָל,
און אַלץ איז דאָ אַזוי קאַלט און פּוסט?

* *
*

איך האָב, מיין קינד, גוטס געשאַפן—
נאָר אַלץ פאַר פרעמדע, זיך נאָר נויט.
שווער געאַרבעט ניט געגעסן,
זיך געוואַלגערט אין שמוץ און קויט.

הער, מיין קינד, עס כריפּעט מיין האַרץ,
אַז דאָס איז אַ לוקסוס, אַך, ניט דענק,
איך האָב ניט קיין רעכט דיך צו קושן
ווייל אַנשטעקענד איז מיין קרענק.

הונגער ליידן און זידלעריי
האָב איך געהאַט פון קינדווייז אָן.
איצט רינט אויס מיין לונג און איך שטאַרב,
אַך, וואָס וועט איצט דיין מוטער טאָן?

גלייב, צו דיר איך באַלאַנג...

ליבע, גלייב, צו דיר איך באַלאַנג,
אַ צווייטע קען איך ניט ליבן.
דיין פריינדין, ווי אַ שלאַנג
אין דיין האַרץ האָט זיך פאַרקליבן.

זע, צו דיר איז זי אַוועק
ווייזן מיינע חסרונות.
און געווען איז דאָך איר צוועק
אונז גלייך אָנטאָן ביזיונות.

כ'האָב איר איין מאָל נאָר געזען,
ניט געוואָלט פון איר גאָר וויסן.
שטאַרק זיך, פאַרגעס וואָס געווען,
גענוג טרערן צו גיסן.

דו דאַרפסט לאַנג זיך ניט קלייבן
אין מיין האַרץ צינדן אַ ליכט.
מיין אומעט קענסטו צעטרייבן
ווען דו ווייזט מיר דיין געזיכט.

איך וועל מאָרגן קומען צו דיר,
אַ הייסן קוש דיר געבן.
און אויב דו וועסט פאַרשפאַרן די טיר,
אַ קלאָג איז דאַן צו מיין לעבן.

קום זשע אַהער

נו, קום זשע אַהער
מיר וואַרטן איז שווער.
כ'וויל דיך זען שוין--
און טאַקע אַליין.

זינט דו ביסט אַוועק
לייד איך אָן אַן עק.
כ'האַלט זיך אין שעמען
דערציילן וועמען.

כ'בין טאַקע אַליין
מיט טרערן און געוויין.
מיין לעבן איז אין קאָן,—
כ'וויל זיך שלעכטס טאָן.

כ'וויים גאָר ניט וואָרום—
עפּעס איז דיר קרום.
כ'בין דאָך געשלאָפן,
ווען דו ביסט אַנטלאָפן.

קום צו מיר מיין מאַן,
מיט אַ פור, צו מיט דער באַן
אַלץ פאַר דיר וועל איך טאָן,
שטעלסט גאָרניט אין קאָן.

וואָס ווייסטו

וואָס ווייסטו איצט מיין קינד?
הער שוין אויף צו קלאָגן.
וואָס ערגערט דיך אַצינד,
מעגסט מיר אַלץ דאָך זאָגן.

זאָג מיר טאַקע איצט
ווער אין דעם איז שולדיק?
וואָס דריקט דיין האַרץ—
אָבער זיי געדולדיק.

ניין, דו קענסט ניט ווייסן...
שולדיק בין איך אַליין.
מיך פּלאָגט מיין געוויסן—
איך שטיק מיין געוויין.

מאַמינקע... איך בין ניט...
כ'וועל בעסער אַנטלויפן.
אַיי, איך פאַל אין מיינע טריט--
ס'קלינגט אין מיינע שלייפען.

מאַמע.. פאַרליבט בין איך געווען...
מיט אַ שטאַרקע ליבע.
אַן אומגליק איז געשען
כ'בין אַליין די סיבה.

אַרויס פון מיין שטוב,
כ'קען דיר דאָס ניט שענקען.
דו ביסט אַריין אין אַ גרוב —
כ'וועל נאָך דיר ניט בענקען.

אַיי, ניין... וואָרט. וואַרט, מיין קינד...
פאַרגעס אַלץ וואָס געווען.
איך פאַרגיב דיין זינד —
דו פאַרגעס וואָס געשען.

צו אַ גרופּע

(אַ קולטור-קרייז אין נויאַרק)

פרייט, פרייט זיך מיטגלידער,
דער יום טוב איז ריכטיק אייערער.
דענקט נאָך פון לערע ווידער—
אייער ציל איז הייליק, טייערער.

צען יאָר צוריק פאַרבונדן,—
האָט איר זיך אין אַ גייסט-געיעג.
ס'האָט צו דעם אייך געצונדן
טיפקייט פון אייער נשמה פאַרמעג.

ווי יונגעביימער איינזאַם
האָט איר באַקעמפט בייזן ווינט.
פון דעם לעבן גרויזאַם.
געזוכט העכערס אין וואָרט און טינט.

גאַנס וועלט פאַרשטיין און וויסן
מיט שיינע מיטלען האָט איר געזוכט.
רייכע בילדער געניסן—
געניסן פון וויסן די פרוכט.

געשיכטע, קונסט און נאַטור.
ימען און גרויסע כוואַליעס,
פון "זיין" אומבאַוואוסטן שפור
געוואָלט האָט איר וויסן אַלס.

קלמן

ס׳האָט קלמן געליטן
אין פיל געביטן,
און האָט אימער געזוכט
פאַרוואָס מענטש איז פאַרפלוכט.
פון די קינדער יאָרן,
ביז ער איז אַלט געוואָרן
האָט אים אַ סך פאַרדראָסן
און ער האָט טרערן פאַרגאָסן.

זיין מאַמע האָט געקוואָלן,
כאָטש מיט פיס געשוואָלן,
איר פאַרוק צו טראָגן,
אַ סידור פאַרמאָגן.
און תחינות געלעזן
ווען זי איז מיט ווייבער געוועזן.

דער טאַטע זיינער,
מיט אַ באָרד אַ קליינער,
גאַנץ אײדל געוואַקסן,
איז געווען ניט קיין עקשן.
האָט געהאַלטן אַ רבין
אַלץ גענומן פון לעבן.

קינד שיקן אין חדר
געווען איז אַ נדר,
צום מלמד אַ גוטן,
כאָטש פאַר לעצטע פּרוטות,
קיין זאַך געווען אים שווער—
אַבי לערנען וואָס מער.

דער זיידע, אַ מענטש מיט פּלייצעס
האָט געגעבן עצות
וועגן תפילין און טלית,
וועגן מזוזות און דלות,
און פאַר שמערצן פּילע
האָט ער געהאַט אַ סגולה.

מיט פשטים צו פידלען,
און אַ ביסל זיך זידלען,
געשראָקן מיט גסיסה
פון חברה־קדישא,
דעם, וואָס שבת האָט געבראָכן
אָדער גויאיש "געשפּראָכן".

ווען פרילינג פלעגט קומען,
און וואָלקענס צעשוואומען,
און שמעלצן די דווינע,
מיט אַברייטער מינע,
און די ערד אין גאַנצן
האָט באַדעקט מיט פלאַנצן.

דער טייך האָט זיך צעפלאָסן,
אין דער ברייט זיך צעגאָסן,
פאַרטרונקען פיל היימען,
כמעט ביז דעם קוימען. ,
און אויך מיט אַ רעגן
פאַרבלאָטיקט די וועגן.

און זומער מיט גאווה
האָבן שיפן און לייוועס
זיך רואיק געשוואומען,
די ברעגן פאַרנומען,
און געווען איז דער טייך
מיט קאָלירן גאַנץ רייך.

האָבן זיך ווינטערס געצויגן,
און זומערס געפלויגן.
דער רבי פלעגט קנעלן,
און קלמן פלעגט קוועלן,
און באַלד איז ער געוואָרן
שוין אַלט צוועלף יאָר.

האָט זיין טאַטע געדענקט,
ווי נאָך עפּעס געבענקט,
אים זען אין אַ סביבה
פון אַ גרויסער ישיבה.
ער איז דאָן געשטאָרבן,
אָן קרוינען, אָן לאָרבן,—

װען שױן קדיש געזאָגט,
האָט זיך קלמן געפּלאָגט,
בײַ פרײַנד אױף אַ שטעלע.
געאַרבעט מיט זעלע,
און האַרציק דערגעבן
אין װירקלעכן לעבען.

האָט זיך ״בונד״ אָרגאַניזירט
און באַלד ״סכאָדקעס״ געפירט,
און סטרײַקס דאָרט געמאַכט,
די יונגעלײַט געבראַכט
צום קאַמף פאַר פרײַהײט
און אידישע גלײַכהײט.

האָט קלמן באַלד זיכער,
געכאַפּט זיך צו ביכער,
צו לערנען פון אַלעס,
קאַפּיטאַל און דלות,
און װער עס עקספּלואַטירט,
און װי דאָס לאַנד זיך פירט.

ער האָט אין קורצן באַלד,
אַזױ װי מיט געװאַלד,
פאַרװאָרפן זײַן שטעלע,
פון זײַן ברױט די קװעלע,
שטודירן דערגעבן,
מיט האַרץ און מיט לעבן.

אַ קורצע צײַט אַריבער,
דורך קאַמף און דורך פיבער,
צו עקזאַמענס געפאָרן,
באַלד לערער געװאָרן,
און פון מעדיצין געטראַכט,
אַלץ אַ הײליקע פראַכט.

באַלד זשאַנדאַרן־שדים
אים מיט נאָך חברים,
פאַרזאַמלט, אַרעסטירט,
אין אַ טורמע פאַרפירט,
און דאָרטן אין קומער
פאַטײזירט אין שלומער.

אויף צייט ווען נאָר מעגלעך,
געוואָרט דאָן גאַנץ קלעגלעך,
אָבער דאָך מיט האָפן,
איז ער טאַקע אַנטלאָפן
אין אַמעריקע ווייט
וואו ניי־לעבן און שטרייט.

געלערנט אַ נייע שפּראַך—
און אין שאָפּ דאָרט אַ פּאַך,
וואו מאַשין האָט געקלונגען,
פון צרות געזונגען,
פון "באָסעס" פאַרשטויסן,
געטאָן וואָס געהייסן.

ער האָט זיך מיט פלאַמען
און מיט פריינד צוזאַמען
אין "יוניע" באַטייליקט
און סטרייקס פאַרהייליקט,
און מיט אימפּעט געגרייט
צו אַ קאַמף פאַר זיין ברויט.

און געצייגט האָט זיך אַלץ פּוסט,
ווען קלמן האָט זיך דערוואוסט,
ווי עפּעס אַ געוואָלד,
אַז עם קריגן געהאַלט
אַלע אַ גיטירער
און די "יוניע"־פירער.

האָט קלמן צייט געשענקט
און עס האָט אים געקרענקט,
וואָס אין דער נייער וועלט
אַלץ פאַרקויפט איז צו געלט.
אפילו די קברים
און תורה און ספרים.

עס האָט אים נאָך מער געפּלאָגט,
ווען אַ פריינד האָט געזאָגט:
"דו ביסט אַ גרינער,
נעם ווער אַ פאַרדינער,
אויב ניט, מיסטער קלמן,
קענסט גיין צום בית עלמן".

ווען געהערט דעם ניגון,
האָט קלמן געשוויגן.
דער הימל דער בלויער
האָט געגאָסן אַ טרויער,
גאָר געטרייסט האָט אים איין זאַך:
ער וועט לערנען אַ סך.

צו שעפער געפאָרן,
קיין מוט ניט פאַרלאָרן.
האָט געהאַפט אַז דער רעגן
וועט באַפרישן די וועגן
און געזוכט וואָס נייטיק
פאַר זיין נייעם ווייטיק.

ווי זיין שטעלע אַמאָל,
באַלד די שעפער אַן צאָל
דערקלערט האָט ער אַ קריג
און געענדיקט מיט אַ זיג:
געאַרבייט די יאָרן
ביז דאָקטאָר געוואָרן.

און אין נייע קרייזן
גענומען זיך ווייזן,
מיט געמיט אַ שטילן,
האָט ער באַרואיקט געפילן.
און ווען קראַנקע באַטראַכט,
האָט ער הילף געבראַכט.

ט׳געזען אַ וועלט אַ צווייטע
פון שוואַכע און טויטע,
פאַרדאַרטע אין גאַנצן,
געשוואָלן פון פראַנצן,
און פילע צעבראָכן
מיט ווייען און אָכן.

און אַזעלכעס שטענדיק
פון שמערצן אָפּהענדיק,
וואו מענטשן, ווי פליגן,
אָט לויפן, אָט ליגן,
ווען די לונג נעמט שטיקן,
צי דאָס האַרץ זיך דריקן.

און אויך ווידער אַמאָל,
אין אַ היים, צי שפּיטאָל,
ווי אין קראָם, צי פאַבריק,
איז דעם דאָקטערס פּראַקטיק:
עס קויפט זיך פאַר געלט,
אַט ווי אַלץ אין דער וועלט.

* *
*

און קלמן דער דאָקטאָר,
קיין רו נאָך פאַרמאָגט ער:
אים בלייבט נאָך באַהאַלטן
נשמה־געשטאַלטן.

מערץ 1945

8

די פּען

מיין פען

פעדער, מיין פריינד,
טו א טובה מיר היינט.
באשרייב מיינס א ליד
פון פרייד און פון פריד.

האב, פען רחמנות,
נעם מיין ליד באקוקן,
און אן סכנות
וועט עס עמעצער דרוקן.

פארשטיק ניט מיין ליד,
לאז איר זיך צייגן.
זי איז ווי דער איד
וואס קען נעבעך שווייגן.

אז עס וועט ווער עס דרוקן
וועט דאך עמיצער לעזן,
אויף דיר, פען, וועל איך קוקן—
און מאכן א וועזן.

אן אפשיין וועסט מאכן
פון מיין נשמה.
מער וויינען ווי לאכן
וועל איך מסתמא.

מיין קרעכץ דו קענסט וועקן,
און אויך פארוויגן.
מיין קבר פארדעקן
דו קום מיט א ניגון.

צו מיין פען

איך האָב זיך געוואָלט צונויפרעדן
מיט ערד און הימלשע שטראַלן.
אָן זיי איז ניטאָ קיין פריידן—
און איך פיל זיך ווי געפאַלן.

כ'האָב געדורשט אויף ים צו שווימען—
אין טיפע כוואַליעס זיך וואַרפן.
דורך נאָענט און ווייטע שטימען,
זיך טיילן מיט קלאַנגען אויף האַרפן.

ס'האָבן מיינע טרערן געראָנען,
און געזען צווייפל, וואָס גרעסער.
מיין זעל האָט ענדלעך אויסגעפונען
אַז די פען איר העלפן קען בעסער.

מיין פען, זיי מיר ניט גרויזאַם,—
אָן דיר בין איך דאָך איינזאַם.
איך זע מענטשן צעהיצטע,
ווי די ווילדע, צערייצטע.

אידישע היימען צעבראָכן,
אַלט און יונגע צעשטעכן.

אַמעריקאַנער אידיש ווערט רייך...

(ווערטער געקליבען פון אידישע צייטונגען,
זשורנאַלן און אַזוי ווייטער).

רייך איז מיין קאַפּאַציטעט
און אויך מיין אַדעקוואַטאַציע.
מיך קימערט ניט קיין עקסטרעמיטעט—
איך קוועל פון מיין עלאַבאָראַציע.

איך נעם נעגאַטאַווירן
איצט מיין אַלטע סיטואַציע.
מיט פרייד קען איך דעקלאַמירן
רייכקייט אין שפּראַך-וואַריאַציע.

איך קריג מיין אינספּיראַציע
פון סטאַבילער וויטאַליטעט.
פאַר עלאַבאָראַציע
נוץ איך אַ הויכן וואָרט-קוואַנטיטעט.

איך מאַך לידער ראַפינירט
מיט ווערטער פון הויכער גראַדאַציע.
געדאַנקען שוין אַליאירט
פריי און אויך מיט קאָנסערוואַציע.

מיך דאָ מאַניפּולירן
שרייבער פון הויכע אינסטאַלאַציעס.
זיי מיך דאָ קאָרעגירן—
און טאַקע אָן לאַמענטאַציעס.

אַלץ מער אָבסערוואַטאָרן
מאַכען אין מיר איריגאַציעס.
דאַנק איך די אַדעקוואַטאָרן
פאַר די אַלע מאַכענאַציעס.